STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00640

# DER BUND IN BILDER, 1897-1957

J. S. Hertz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# דער בונד אין בילדער

# דער
# בונד
# אין בילדער
## 1957-1897

צונויפגעשטעלט פון

י. ש. הערץ

שער-בלאַט געצייכנט פון י. שלאָס

ניו־יאָרק, 1958

אין שייכות מיט דעם 60־יאָריקן יובילייַ פון בונד, האָט דער וועלט־קאָאָרדינירקאָמיטעט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אַלבאָם, וואָס זאָל אין בילדער אָפּשפּיגלען דעם געשיכטלעכן גאַנג פון דער באַוועגונג.

ביים פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן האָבן מיר באַגעגנט צוויי שוועריקייטן: פיל וויכטיקע מאָמענטן פון דער באַוועגונג זיינען נישט פאַרפיקסירט געוואָרן אין בילד אָדער די אויפנאַמעס זיינען פאַרלוירן געוואָרן בעת די טראַגישע געשעענישן פון די לעצטע צוויי דורות. צוליב דעם באַגרענעצטן פּלאַץ האָבן מיר אויך נישט געקענט אַריינגעבן פיל בילדער פון פערזאָנען און פּאַסירונגען, וואָס געפינען זיך יאָ אין אונזער רשות — אין אַרכיוו פון בונד.

מיר האָבן זיך באַמיט, אויף וויפל ס׳איז געווען מעגלעך, אַז ס׳זאָלן זיין רע־פּרעזענטירט פאַרשידענע צייטן, געשעענישן, צווייגן און פערזאָנען, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָל אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

מיטן אַרויסגעבן דעם אַלבאָם דערפילן מיר אַ חוב נישט בלויז צו די, וואָס זייערע נעמען און בילדער געפינען זיך אין דעם בוך, נאָר צו אַלע אָן אויסנאַם, וועלכע האָבן מיט זייער אידעאַליזם, טריישאַפט, מסירת־נפש און לעבן געדינט דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — די שטרעבונגען און צילן פון בונד. הינטער די בילדער פון די איינצלנע חברים און גרופּעס, פון אינסטיטוציעס און צייטונגען, פאַרזאַמלונגען און געשעענישן שטייען די אומצאָליקע מחנות דערוואַכטע יידישע אַרבעטס־מענטשן, וועלכע האָבן מיט זיך פאַרקערפּערט דעם בונד. אַ דענקמאָל פאַר זיי — אויך אין זייער אַנאָנימקייט . . .

# עטאַפּן אין דער געשיכטע פון בונד

**ביז דער גרינדונג:** ערשטע שפּראָצונגען — קרייזלעך פון יידישע אַרבעטער אין מינסק (1884) און ווילנע (1886). אָנהייב פון דער באַוועגונג צו שאַפן פּראָפעסיאָנעלע קאַסעס (1888).

ערשטע שטרייקן אין ווילנע (1891). דאָרט צום ערשטן מאָל אַן 1טע מאַי־פאַרזאַמלונג פון יידישע אַרבעטער. אַגיטאַציע פאַר אַ 10־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. פיל סאָציאַליסטישע בילדונג־קרייזלעך (1892). אָנגעהויבן אַרויסגעבן געשריבענע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אין יידיש. אָפּאָזיציע קעגן אָנהייבן אַ מאַסן־אַגיטאַציע און באַנוצן זיך מיט דער יידישער שפּראַך. איינגעאָרדנט טראַנספּאָרט פון אומלעגאַלער ליטעראַטור פון אויסלאַנד (1893). אַ געשריבענע צייטונג נייעס פון רוסלאַנד. בראָשור פון א. קרעמער וועגן אַגיטאַציע און בריוו צו אַגיטאַטאָרן פון ש. גאָזשאַנסקי. ווילנער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טוער פאָרמולירן די פאָדערונג פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן אין רוסלאַנד (1894).

אַנטוויקלונג פון פּראָפעסיאָנעלע קאַסעס און שטרייקן פון יידישע אַרבעטער אין וואַרשע. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון ווילנער טוער דעם 1טן מאַי באַגרינדעט ל. מאַרטאָוו די נויטווענדיקייט פון אַ זעלבשטענדיקער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. 3 טויזנט יידישע וועבער באַטייליקן זיך אין אַלגעמיינעם וועבער־שטרייק אין ביאַליסטאָק. די ערשטע קאָנפערענץ פון מינסקער און ווילנער יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן (אין מינסק) וועגן דער סאָציאַליסטישער טעטיקייט אין אַ ריי שטעט. געגרינדעט „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן" אין ווילנע, מינסק, ביאַליסטאָק מיטן ציל צו פאַרשפּרייטן יידיש־וועלטלעכע ליטעראַטור (1895).

ערשטע מאַסן־אַרעסטן פון יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טוער אין עטלעכע שטעט. געשאַפן אין וואַרשע אַ יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. אָנגעהויבן דערשיינען אין מינסק דאָס אַרבייטער־בלעטל (העקטאָגראַפירט). צום ערשטן מאָל יידישע אַרבעטער פון רוסלאַנד פאַרטרעטן אויף אַ קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל (לאָנדאָן); מאַנדאַטן פון די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין ווילנע, וואַרשע, מינסק, סמאָרגאָן. דערשינען אין אויסלאַנד ערשטער נומער פון זשורנאַל דער אידישער אַרבייטער (1896).

געשאַפן ערשטע געהיימע דרוקעריי. דערשינען ערשטע געדרוקטע אומלעגאַלע צייטונג די אַרבייטער־שטימע (1897).

**דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד:** 1897 — 7, 8, 9 אָקטאָבער אין ווילנע געהיימער גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון בונד. 13 דעלעגאַטן פון 5 שטעט. געוויילט אַ צענטראַל־קאָמיטעט — א. קרעמער, וו. קאָסאָווסקי, א. מוטניק.

1898 — ערשטער צוזאַמענפאָר פון רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (אין מינסק). בונד אַקטיוו ביים אָרגאַניזירן דעם צוזאַמענפאָר; פון 7 דעלעגאַטן — 2 בונדיסטן. אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דריי מאַן בונד פאַרטרעטן

דורך א. קרעמער. מאַניפעסט פון געשאַפענער פאַרטיי אָפּגעדרוקט אין געהיימער דרוקעריי פון בונד. אַרעסטירט העכער 70 בונדישע טוער אין אַ צאָל שטעט. געכאַפּט אין באָברויסק די געהיימע בונדישע דרוקעריי. געשאַפן דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד.

1899 — 3טער צוזאַמענפאָר פון בונד (אין קאָוונע). צום ערשטן מאָל דעבאַטירט די נאַציאָנאַלע פראַגע.

1900 — דער בונד צום ערשטן מאָל פאַרטרעטן אויף אַ קאָנגרעס פון סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל (פאַריז).

1901 — פערטער צוזאַמענפאָר פון בונד (אין ביאַליסטאָק) שטעלט זיך אויפן שטאַנדפונקט, אַז יידן זיינען אַ נאַציע און ס׳קומט זיי נאַציאָנאַלע רעכט.

1902 — אויפגעהאַנגען דעם בונדיסט הירש לעקערט פאַר שיסן אויפן ווילנער גובערנאַטאָר, וועלכער האָט געהייסן שמייסן 1טע מאַי־דעמאָנסטראַנטן. פּאָגראָם אין טשענסטאָכאָוו. בונדישע צייטונג די אַרבייטער־שטימע רופט צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ קעגן פּאָגראָמשטשיקעס.

1903 — דער בונד פאַרלאָזט דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער־פאַרטיי. די ס. ד. פאַרטיי שפּאַלט זיך אויף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. פּאָגראָם אין האָמעל און ווידערשטאַנד פון זעלבסטשוץ, אָרגאַניזירט פון בונד. געשאַפן אין אַמעריקע אַ צענטראַל־פאַרבאַנד פון בונדישע אָרגאַניזאַציעס.

1904 — מאַסן־שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס. פון זומער 1903 ביז זומער 1904 אַרעסטירט בערך 4,500 בונדיסטן. די באַוועגונג כאַפּט אַרום נייע שטעט און גרעסערע שיכטן אַרבעטער. באַטייליקונג פון בונדיסטן אין אויפשטאַנד פון פּאָליטיש־פאַרשיקטע אין יאַקוטסק (מזרח־סיביר).

1905 — רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אין הונדערטער ערטער פּאָליטישע שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס פון יידישע אַרבעטער אונטער דער אָנפירונג פון בונד. פיל קרבנות פון שיסערייען מצד פּאָליציי און מיליטער. טויטע און פאַרוואונדעטע. באַריקאַדן אין לאָדזש — די ערשטע אין רוסלאַנד און געבויט בעיקר דורך יידישע אַרבעטער. פּאָגראָמען אין זשיטאָמיר, אָדעס און אַנדערע שטעט. בונדישע זעלבסטשוץ אַקטיוו אין קאַמף קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס זיינען אָרגאַניזירט און געשטיצט געוואָרן דורך דער רעגירונג. 9 מיטגלידער פון בונדישער זעלבסטשוץ אין טשודנאָוו דערהרגעט אויפן וועג קיין זשיטאָמיר. בונד שטעלט אַרויס פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פאַר יידן. אין גאַליציע אַנטשטייט אַ זעלבשטענדיקע ס. ד. אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער (גאַליציאַנער בונד).

1906 — לעגאַלע בונדישע פּרעסע — טעגלעכע צייטונג, זשורנאַלן, בראָשורן. בונד צוריק אַריין אין רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער־פאַרטיי. אויפבוי פון לעגאַלע פּראָפ. פאַראייניקן. פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַקציעס.

1907 — די רעוו. כוואַליעס פאַלן. רעפּרעסיעס און אַרעסטן. די צאַרישע מאַכט שטעלט אָפּ די בונדישע לעגאַלע פּרעסע. אַנטייל פון בונד (57 דעלעגאַטן) אין לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר פון רוסלענדער ס. ד. אַרב.־פאַרטיי.

1908־11 — באַרג־אַראָפּ פון רעוו. באַוועגונג. אַרעסטן און עמיגראַציע. בונד באַנייט זיין אומלעגאַלע פּרעסע. באַטייליקונג אין טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, וואָס האָט פּראָקלאַמירט יידיש אַלס אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך.

1912 — וואַל־בלאָק מיט פ.פ.ס.־לעוויצאַ און דורכגעפירט אין וואַרשע דעם בלאָק־קאַנדידאַט (יאַגעלאָ) אַלס דעפּוטאַט פון רוסישער דומע.

1913 — אויפלעבונג פון באַוועגונג. אָנגעהויבן דערשיינען אין פעטערבורג דאָס וואָכנבלאַט די צייט. פּראָטעסט־קאַמפּאַניע און שטרייק קעגן עלילת־דם פּראָצעס אין קיעוו (מענדל ביילים).

1914 — נאָכן מלחמה־אויסברוך אין פּוילן געשאַפן צווישן־פּאַרטייאישע ראַטן פון בונד, פּ.פּ.ס.־לעוויצאַ און ס.ד.ק.פּ.ל. פאַר געמיינזאַמע פּאָליטישע אַקציעס. באַשטימט אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן.

1915 — באַטייליקונג אין אינט. סאָצ. קאָנפערענץ אין צימערוואַלד. קאָנפערענץ פון בונדישע אָרג. אין דרום־רוסלאַנד.

1916 — באַטייליקונג אין אינט. סאָצ. קאָנפערענץ אין קינטאַל. לאַנד־באַראַטונג פון בונד (אין כאַרקאָוו). אויפבוי פון בונדישער באַוועגונג אונטער דער דייטשער און עסטרייכישער אָקופּאַציע אין פּוילן. אין וואַרשע הויבט אָן דערשיינען דאָס וואָכנבלאַט לעבענס־פראַגען אונטער דער רעדאַקציע פון וו. מעדעם, וו. שולמאַן א. אַ..

1917 — רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אַקטיווער אָנטייל פון בונד אין די פּאָליטישע געשעענישן. באַטייליקט אין די אָרגאַנען פון דער רעוואָלוציע — אַרבעטער־סאָלדאַטן־ראַטן, שטאָט־ראַטן, פּראָפ. פאַראיינען א. אַז. וו.. גרויסער וואוקס פון בונדישער באַוועגונג (40 טויזנט מיטגלידער). אַכטער צוזאַמענפאָר פון בונד (אין פּעטראָגראַד). דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט אַרעסטירט פיל בונדישע טוער. ערשטע קאָנפערענץ פון בונדישע אָרג. אין פּוילן (אין לובלין); ס׳ווערט קאָנסטיטואירט דער בונד פון פּוילן.

1918 — טעראָר פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט לגבי די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און בונד אין רוסלאַנד.

1919 — בונד אין פּוילן בויט זיך פונאַנדער. ייד. אַרבעטער שאַפן לאַנד־פאַראייניקונגען פון זייערע פּראָפעסיאָנעלע און קאָאָפּעראַטיווע אָרג.. געשאַפן די לאַנד־אָרג. פון דער בונדישער יוגנט. אַנטשטייאונג פון בונד אין לעטלאַנד און רומעניע.

1920 — פאַראייניקונג פון בונד אין פּוילן מיטן גאַליציאַנער בונד. רעפּרעסיעס פון פּוילישער מאַכט לגבי דעם בונד צוליב זיינע אַנטי־מלחמה־אַרויסטרעטונגען. אַרעסטן פון פיל בונדישע טוער, פאַרבאָט פון בונדישער פּרעסע און אינסטיטוציעס אין פּוילן. שפּאַלטונג פון בונד אין רוסלאַנד צוליב חלוקי־דעות בנוגע באָלשעוויסטישער מאַכט.

1921 — קאָמ. טייל פון בונד אין רוסלאַנד טרעט אַריין אין קאָמ. פּאַרטיי; סאָצ. דעמ. טייל פון בונד ווערט פאַרפאָלגט און אונטערדריקט. אין פּוילן וואַרפט אָפּ דער בונד די 21 איינטריט באַדינגונגען פון קאָמאינטערן (וועגן אַריינטריט באַשלאָסן אין 1920). געשאַפן די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע פון יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן — בונד שטאַרקסטע ריכטונג. לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די פּראָפ. פאַראיינען פון די יידישע אַרבעטער — געשאַפן אַ לאַנד־ראַט (אָנגעפירט פון בונדיסטן). בונדישע און פּעפּעסישע טוער אויסגעאַרבעט אַ פאַראייניקונג־אָפּמאַך פון די יידישע און פּוילישע פּראָפ. פאַראיינען (אָנערקענט אויטאָנאָמיע פאַר די יידישע אָפּטיילונגען; אין ווייטערדיקע יאָרן דורכגעפירט די פאַראייניקונג).

**אין די צוואַנציקער יאָרן:** במשך דעם צענטליק יאָר האָט דער בונד אויסגעשפּרייט זיין השפּעה אין פּוילן. נאָך דער פּויליש־סאָוועטישער מלחמה האָט די באַ־

וועגונג זיך אויך אַנטוויקלט אין די מזרח־פּראָווינצן. אומעטום זיינען די פּאַרטיי־אָרג. פאַרגרעסערט געוואָרן און ס׳זיינען צוגעקומען נייע צווייגן: קינדער־אָרג. סקיף, פרויען־אָרג. יאַף, ספּאָרט־אָרג. מאָרגענשטערן, קולטור־ליגע, ביוראָ פאַר רעכט אויף אַרבעט, אַרבעטער־עמיגראַציע־ביוראָ, אַרב. קרעדיט־צענטראַלע, קאָנסום־ און פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, ביבליאָטעקן, קלובן, אָוונט־קורסן, כאָרן, דראַמ. סטודיעס און אַנדערע אינסטיטוציעס. בונדישע ראַטמענער האָבן געקעמפט פאַר די פאָדערונגען פון די יידישע אַרבעטער אין די שטאָט־ראַטן, קראַנקן־קאַסעס און יידישע קהילות. ס׳איז געוואַקסן די בונדישע פּרעסע — טעגלעכע צייטונג, יוגנט־צייטונג, לאָקאַלע וואָכנבלעטער און פּראָפ. אָרגאַנען.

1930 — נאָך אַ הפסקה פון 10 יאָר טרעט דער בונד ווידער אַריין אין סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל.

**אין די דרײַסיקער יאָרן:** דער בונד אין פּוילן האָט קאָנסעקווענט און עקשנותדיק געפירט דעם קאַמף פאַר די אינטערעסן פון אַרבעטנדיקן פאָלק. אין די יאָרן פון פאַרשטאַרקטער אַרבעטסלאָזיקייט, וואוקס פון פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, פון כסדרדיקן דרוק אויף די רעכט פון די אַרבעטער און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, האָט דער בונד, ווי אַ יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, מיט אַ פאַרפילפאַכטער ענערגיע געקעמפט אויף זיין אַרויסגערוקטן פּאָסטן. ער האָט מאָביליזירט אַלע ענערגיעס פון די יידישע פאָלקס־מאַסן צום ווידערשטאַנד; אָרגאַניזירט זעלבסטשוצן קעגן פאַשיסטיש־רעאַקציאָנערע אָנפאַלן און אַנטי־יידישע עקסצעסן און פּאָגראָמען. מער ווי פריער איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ צוזאַמענאַרבעט מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער אַרבעטערשאַפט. פון 1936 האָט דער בונד פּראָקלאַמירט און דורכגעפירט עטלעכע האַלב־טאָגיקע פּראָטעסט־שטרייקן פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעגירונג און רעאַקציאָנערער געזעלשאַפט, ווי אויך קעגן די עקסצעסן און פּאָגראָמען. דער בונד איז די גאַנצע צייט געווען אויפן ערשטן אָרט מיט זיין דינאַמישקייט און אויסגעהאַלטענעם קאַמף. פון דער צווייטער העלפט דרייסיקער יאָרן האָט דער בונד אויך פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט לויט דער צאָל שטימען, וואָס ער האָט באַקומען ביי די וואַלן. אַמבולטסטן איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אין די לעצטע שטאָט־ראָט־וואַלן אין די יאָרן 1938־39, ווען דער בונד האָט באַקומען די ווייט גרעסטע צאָל שטימען און מאַנדאַטן לגבי אַלע אַנדערע יידישע ריכטונגען אין די גרויסע שטעט, ווי אויך אין אַ צאָל מיטעלע שטעט פון לאַנד.

**אין דער צווייטער וועלט־מלחמה:** 1939־40 — אין די שטעט און שטעטלעך פון נאַצי־אָקופּירטן פּוילן בויט אויף דער בונד אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס און צייטונגען. אין מזרח־טייל פון לאַנד, וואָס ווערט אויפן סמך פון סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך אָקופּירט דורך דער סאָוועטישער מאַכט, ווערט אַרעסטירט אַ גרויסע צאָל בונדישע טוער. פיל פון זיי שפּעטער דערשאָסן דורך סאָוועטישער ג. ק. וו. ד., אַנדערע זיינען פאַרמאַטערט געוואָרן אין די תפיסות.

1941 — אין ניו־יאָרק ווערט געשאַפן די אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון בונד, וואָס שטעלט איין אַ קאָנטאַקט מיט פּוילן, פאַרעפנטלעכט באַריכטן וועגן די גרוילטאַטן פון די נאַציס און פירט אַקציעס פאַר הילף און רעטונג.

1942 — דער בונד אין וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק און אַנדערע שטעט רופט צום ווידערשטאַנד קעגן דער נאַצישער אויסמאָרדונג פון די יידן.

1943 — בונדישע קאַמף־גרופּעס אַקטיוו אין צוגרייטן און דורכפירן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. אַזוי אויך אַקטיוו אין באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ. אין ווילנער געטאָ האָבן די נאַציס אויפגעהאַנגען די בונדישע טוער און פּאַרטיזאַנער־קעמפער אברהם כוואָיניק און אַסיע ביג. אַלס פּראָטעסט קעגן שטילשווייגן פון דער וועלט לגבי דער פאַרניכטונג פון די יידן אין נאַצי־אָקופּירטן אייראָפּע איז אין לאָנדאָן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דער בונדישער פאָרשטייער אין פּוילישן גלות־פּאַרלאַמענט — שמואל מרדכי זיגעלבוים. באַפרייטע פון די סאָוועטישע תפיסות און קאָטאָרגע־לאַגערן, טרעטן פיל בונדיסטן אַריין אין די ניי־פאָרמירטע אַרמייען פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג און פון „פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן” אין סאָוועט־רוסלאַנד. זיי באַטייליקן זיך אין פיל שלאַכטן. געראַטעוועטע פון היטלערישער פאַרניכטונג, שאַפן בונדיסטן הילף־גרופּעס אין וואַרשע און אַנדערע שטעט און באַטייליקן זיך אין פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען. ס׳ווערט באַקאַנט, אַז די סאָוועטישע מאַכט האָט דערמאָרדעט די בונדישע פירער הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. גרויסע פּראָטעסט־אַקציעס אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער קעגן קאָמוניסטישן מאָרד.

1944 — לעבן־געבליבענע בונדיסטן באַטייליקן זיך אין וואַרשעווער פּוילישן אויפשטאַנד, ווי אויך אין די מאַקי־גרופּעס אין פראַנקרייך.

**נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה:** 1945־46 — אין פּוילן ווערט צוריק אויפגעבויט אַ נעץ פון בונדישע אָרגאַניזאַציעס און זייערע צווייגן. 1948 איז דער בונד אין פּוילן געצוואונגען געוואָרן דורך די קאָמוניסטן צו ליקווידירן זיך. די גרויסע מערהייט בונדיסטן פאַרלאָזט דאָס לאַנד.

1947 — ערשטע וועלט־קאָנפערענץ פון בונדישע אָרגאַניזאַציעס, אָפּגעהאַלטן אין בריסל, בעלגיע. ס׳ווערט געשאַפן אַ וועלט־קאָאָרדינירקאָמיטעט פון בונד. 1948 — די צווייטע וועלט־קאָנפערענץ, אָפּגעהאַלטן אין ניו־יאָרק. 1955 — דריטע וועלט־קאָנפערענץ, אָפּגעהאַלטן אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע.

די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין די לענדער ברייטערן אויס זייער טעטיקייט — פירן אַן אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע אַרבעט, זייַנען פאַרבונדן מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און זייַנען אַקטיוו אין יידישן לעבן. זיי פאַרנעמען אין די יידישע פראַגן, אין הסכם מיט זייער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע און היסטאָרישע דערפאַרונגען, אַן אייגענע שטעלונג, וואָס איז אָפטמאָל ראַדיקאַל אַנדערש, ווי די שטעלונג פון די אַנדערע גרופּירונגען.



In an attic of this small house, located in the Lukishkes neighborhood in Wilno, was founded during October 7-9, 1897 the General Jewish Workers' Union (Bund). 13 delegates, representing Jewish labor organizations in Wilno, Warsaw, Bialystok, Minsk and Witebsk, brought the Bund into being at a secret convention which met illegally.

אין אַ בוידעם־שטיבל פון דעם הייזל, אויף לוקישקעס אין ווילנע, איז אין די טעג פון 7 — 9 אָקטאָבער 1897 געגרינדעט געוואָרן דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד. 13 דעלעגאַטן, שלוחים פון יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין ווילנע, וואַרשע, ביאַליסטאָק, מינסק און וויטעבסק, האָבן געשאַפן דעם בונד אויף אַ געהיימען צוזאַמענפאָר.

1st Central Committee of Bund, elected at founding convention. Arrested during summer of 1898 together with more than 70 Bund leaders in various cities during a special "Liquidation Action", organized by Moscow Ochrana Chief Zubatow.

ערשטער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון בונד, געווילט אויפֿן גרינדונג־צוזאַמענפֿאָר. אַרעסטירט זומער 1898 צוזאַמען מיט נאָך העכער 70 בונדישע טוער אין פֿאַרשידענע שטעט בעת אַ ספּעציעלער „ליקווידירונג־אַקציע״, אָרגאַניזירט פֿון מאָסקווער אָכראַנע־שעף זובאַטאָוו.



וולאַדימיר קאָסאָווסקי
**Vladimir Kosowski**
(נחום מענדל לעווינסאָן)
(Nahum Mendel Lewinson)



אַרקאַדי קרעמער
**Arkady Kremer**



אברהם מוטניק
**Abraham Mutņik**



הלל כּץ־בלום
**Hillel Katz-Blum**



דזשאָן (יוסף) מילל
**John (Joseph) Mill**

דעלעגאַטן אויפֿן גרינדונג־צוזאַמענפֿאָר פֿון בונד.
Delegates at founding convention of Bund.



דוד כּץ
**David Katz**



פּאַוועל בערמאַן
**Pawel Berman**



**Isaiah Eisenstadt איסײ אײזענשטאַט**



**Noah נ ח**
(Jekuthiel Portney) (יקותיאל פּאָרטנײ)

פּיאָנערן פון דער ײדישער סאָציאַליסטישער באַ־
װעגונג און פיל־יאָריקע פירער, מיטגלידער פון
צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד.

Pioneers of the Jewish Socialist movement and leaders during many years, members of the Bund Central Committee.



**ד"ר פּאַװעל ראָזענטאַל**
**Dr. Pawel Rosenthal**



**סענדער זעלדאָװ**
**Alexander Zeldow**



צמח קאָפּעלזאָן
Zemah Kopelson



אברהם אַמסטערדאַם
Abraham Amsterdam

פּיאָנערן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער
באַוועגונג און פון בונד.
Pioneers of the Jewish Socialist movement
and of the Bund.



משה טערמאַן
Moses Terman



שמואל גאָזשאַנסקי
Samuel Gozshanski



ליובע לעווינסאָן־אייזענשטאַט
**Luba Lewinson-Eisenstadt**



**Pati** פּ אַ ט י
(מאַטלע סרעדניצקי־קרעמער)
(Matle Srednitzki-Kremer)

פרויען־פּיאָנערינס פון דער יידישער סאָציאַליסטי־
שער באַוועגונג און פון בונד.
Women pioneers of the Jewish Socialist movement and of the Bund.



טייבעטשקע זעלדאָוו
**Teibetchke Zeldow**



**Genia Hurwitch** זשעניע הורוויטש
איבערזעצערין פון קאַרלס מאַרקס'
ווערק „קאַפּיטאַל“ אויף רוסיש.
Translated "Capital" by Karl Marx into Russian.



**Rose Lewit ראָזע לעווים**

פיל יאָרן אין צאַרישע און סאָוועטישע טורמעס
און פאַרשיקונג.

Spent many years in Tsarist and Soviet prisons and exile.



**Zivia Hurwitch צביה הורוויטש**

פרויען־פיאָנערינס און טוערינס פון בונד.

Women pioneers and active workers of Bund.



**Lisa Amsterdam ליזע אַמסטערדאַם**

גועאַרבעט אין די אונטערערדישע דרוקערייען פון
בונד אין צאַרישן רוסלאַנד.

Worked in underground printing shops of Bund in Tsarist Russia.



**Shifra Wilter שפרה ווילטער·**

אַרעסטירט זומער 1898 אין דער אונטערערדישער
דרוקעריי פון בונד אין באָברויסק. איר טעכטערל
אַניוטאַ — געבוירן אין טורמע.

Arrested during summer of 1898 in underground printing shop of Bund in Bobroisk. Her daughter Aniuta, born in prison.


לאַנג אונד מאָגער.

די גליקען

פון ראובן דעם בערדיצעווער

די לעבענסגעשיכטע

פון איין

ארעמען ארבייטער


„דער אלגעמיינער אידישער ארבייטער בונד

אין רוססלאנד און פוליןן

דער סטרייק

פון

שקר

ערשטע אויפלאגע

אין 2000 עקז.

יאנואר. 1898.

דרוק פון „אל. אידישן ארבייטער בונד אין רוס. און פוילין"

First Bundist booklets.

פון די ערשטע בונדישע ביכלעך.




Proclamations! Hundreds of proclamations in Yiddish, Russian, Polish and German, printed in the Bundist underground printing shops and issued by the local committees and the Central Committee of Bund.

אויפרופן! הונדערטער און הונדערטער אויפרופן אין יידיש, רוסיש, פויליש און דייטש, געדרוקט אין די בונדישע אונטערערדישע דרוקערייען, האָבן אַרויסגעגעבן די אָרטיקע קאָמיטעטן און דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד.



**Mark Liber מאַרק ליבער**

(Michael Goldman) (מיכאל גאָלדמאַן)

נאָך שרעקלעכע פּייניקונגען דערשאָסן געוואָרן נאָ־
וועמבער 1937 אין אַ סאָוועטישער טורמע, אין
אַלמאַ־אַטאַ.

After terrible tortures was shot dead during November, 1937 in a Soviet prison in Alma-Ata.



**Beynish Michalewitch ביניש מיכאַלעוויטש**

(Joseph Isbitzki) (יוסף איזביצקי)

10 יאָר און 8 חדשים געווען אין צאַרישע טורמעס
און פאַרשיקונג.

Spent 10 years and 8 months in Tsarist prisons and exile.



**Leon Bernstein לעאָן בערנשטיין**



**Vladimir Medem װלאַדימיר מעדעם**

Michalewitch, Liber, Medem — leaders, theoreticians, orators and writers of the Bund. Bernstein, a pioneer of the Bund and founder of the Bristle-workers' Union.

מיכאַלעוויטש, ליבער, מעדעם — פירער, טעאָרע־
טיקער, רעדנער און שרייבער פון בונד. בערנשטיין
— אַ פּיאָנער פון בונד און בויער פון בערשטער־
בונד.



**Dr. Moses Gurewitch .ד״ר. מאָיסיי גורעוויטש**

פירער פון ווילנער קאָמיטעט פון בונד — געשפּילט
אַ וויכטיקע ראָל ביים אָרגאַניזירן די דעמאָנסטראַ־
ציע און די לעקערט־געשעעניש.

Leader of Wilno Committee of Bund. Played important part in organizing the demonstration and the subsequent Lekert affair.



**Hirsh Lekert הירש לעקערט**

זסטער־אַרבעטער, אויפגעהאַנגען אין ווילנע 10
ני 1902 פאַר שיסן אויפן גובערנאַטאָר פאָן וואַל
צוליבן הייסן שמייסן אַרעסטירטע אַרבעטער־
דעמאָנסטראַנטן.

Executed by hanging in Wilno on Jun 10, 1902 for shooting at Governor Vo Wahl because latter had ordered whip ping of demonstrators who had bee arrested.



**Yudel Lewit יודל לעווית**

אַ גראַווירער און זעצער — באַטייליקט אין דער
נקמה־גרופּע.

An engraver and printer. Took part in Revenge Group.



**Welwel Shatz וועלוועל שאַץ**

אַ פאָן־טרעגער אויף דער דעמאָנסטראַציע (1 מאַי
1902), וואָס האָט געפירט צו דער מעשה־לעקערט.

A flag bearer at demonstration (May 1, 1902) which led to the execution of Lekert.



From February 26, 1904 these political exiles (57), among them 9 Bundists, were barricaded for 17 days in a house in Yakutsk (eastern Siberia) and were engaged in a battle with the soldiers who surrounded them. For this, all were sentenced to 12 years at hard labor. Were liberated as a result of Revolution of 1905. (Known in history as Romanowke Uprising).

פון 26 פעברואַר 1904 זיינען 57 פּאָליטיש־פאַרשיקטע, צווישן זיי 9 בונדיסטן, 17 טעג געווען פאַרבאַריקאַדירט אין אַ הויז אין יאַקוטסק (מזרח־סיביר) און געפירט אַ קאַמף מיט די מיליטערישע באַלאַגערער. אַלע האָבן פאַר דעם באַקומען צו 12 יאָר קאַטאָרגע. צוליב רעוואָלוציע פון 1905 אינגיכן באַפרייט. (אין געשיכטע באַקאַנט אַלס ראָמאַנאָווקע־אויפשטאַנד).



אַ טייל פֿון דער גרופּע בּונדיסטן אָנטיילנעמער
אין ראָמאַנאָווקע־אויפֿשטאַנד.

Part of Bundist group which took part in Romanowke Uprising.



פֿון רעכטס: הירש לוריע, אַנאַ און דר.
פּאַוועל ראָזענטאַל. אויך באַטייליקטע
אין ראָמאַנאָווקע־אויפֿשטאַנד.

From right: Hirsh Lurie, Anna and Dr. Pawel Rosenthal. Also participated in Romanowke Uprising.



**סאָניע גליקמאַן־פּסחזאָן**

אין פּינסק, וואו מ׳האָט זי גערופן די
מאַמע, צעטרעטן געוואָרן דורך פערדישע
קאָפּיטעס בעת צאַרישע קאָזאַקן האָבן
צעטריבן אַ דעמאָנסטראַציע.

**Sonia Glikman-Pesachson**

In Pinsk, where she was called "The Mother," was trampled by horses' hoofs while Tsarist Cossacks were dispersing a demonstration.



**יצחק מרדכי פּסחזאָן**

אַ פּיאָנער פון בונד אין וואַרשע און לאָדזש.
15 יוני 1943 ביי די באַן־וואַגאָנעס אין
בענדין געהאַלטן אַ רעדע צו די יידן, וואָס
מ׳האָט געפירט אומצוברענגען אין אויש־
וויץ, זיי זאָלן שטעלן אַ ווידערשטאַנד.
אַן ס. ס.־מאַן האָט אים דערפאַר דער־
שאָסן.

**Isaac Mordecai Pesachson**

A pioneer of the Bund in Warsaw and Lodz. On June 15, 1943 at the railroad station in Bendin he delivered a speech to the Jews who were about to be shipped to Auschwitz for extermination, urging them to resist. For this he was shot dead by a German S.S. guard.



**מאַריאַנע אייזענבערג**

**Marianna Eisenberg**

**אליאַ ווילענקין**

**Elijah Wilenkin**



ווילענקין און אייזענבערג טוער פון בונד אין צאַרישע צייטן — אנטיילנעמער פון
ראָמאַנאָווקע־אויפשטאַנד.

Wilenkin and Eisenberg, active workers in Bund during Tsarist days, participants in Romanowke Uprising.



**Rachel Zak** רחל זאַק

איינע פון 3 אַרעסטירטע, וואָס יידישע
אַרבעטער אין ווילנע האָבן מאַי 1900 דורך
אַטאַקירן אַ פּאָליציי־אַרעסט געצוואונגען
צו באַפרייען.

One of 3 who while arrested in May, 1900 were forcefully freed by Jewish workers in Wilno who attacked police.



**א. ליטוואַק**

**(חיים יאַנקל העלפאַנד)**

1901 אין אַ צאַרישער טורמע

**A. Litwak**

(Chaim Yankel Helfand)

In a Tsarist prison during 1901.



1904 in Drugaia-Gora in Russian Far North. Exiled Social-Democrats, among them 7 Bundists: 1st, right—a Minsk comrade; wearing white shirt—one from Warsaw; wearing hat—one from Kovno; then Beynish Michalewitch and his wife Rosa; resting hand on Beinysh'es shoulder—Samson Feffer from Lodz; last on left—a woman comrade from Kiev.

אין 1904 אין דרוגאַיאַ גאָראַ, רוסישן ווייטן צפון. פּאָליטיש ־ פֿאַרשיקטע סאָציאַל ־ דעמאָקראַטן, צווישן זיי 7 בונדיסטן: ערשטער רעכטס — אַ מינסקער חבר, אין ווייסן העמדל — אַ וואַר־שעווער, מיטן קאַפּעלוש — אַ קאָוונער, נאָך אים ביינִיש מיכאַלעוויטש און זיין פֿרוי ראָזע, מיט דער האַנט אויף ביינישעס אַקסל — שמשון פֿעפֿער פֿון לאָדזש, די לעצטע לינקס — אַ חברטע פֿון קיעוו.



A group of political exiles in eastern Siberia at the beginning of this century. 1st two from right—Bundists Aaron Zalkind and Victor Shulman (Israel Chaim Shadowski).

אַ גרופּע פּאָליטיש־פֿאַרשיקטע אין מזרח־סיביר אָנהויב היינטיקן יאָרהונדערט. ערשטע צוויי פֿון רעכטס די בונדיסטן אהרן זאַלקינד און וויקטאָר שולמאַן (ישׂראל חיים שאַדאָווסקי).



**David Michnik דוד מיטשניק**

זון פון רייכער פאַמיליע, זיין גרויסע ירושה אי־
בערגעלאָזט פאַרן בונד.

Son of a wealthy family, bequeathed his large inheritance to the Bund.



**Isaac Alter אייזיק אַלטער**

וועבער־אַרבעטער, פּיאָנער פון בונד אין ביאַליסטאָק,
לאָדזש.

Weaver, Pioneer of Bund in Bialystok, Lodz.

Alter and Michnik—worked in underground printing shops of Bund. In the homes of the married couple Skutelski were underground printing shops, storages of illegal literature and arms.

אַלטער און מיטשניק — געאַרבעט אין אונטערער־
דישע דרוקערייען פון בונד. אין די דירות פון פּאָר־
פאָלק סקוטעלסקי געווען אונטערערדישע דרוקערייען,
לאַגערן פון אומלעגאַלער ליטעראַטור און געווער.



**Gitel Skutelski גיטל סקוטעלסקי**



**Mendel Skutelski מענדל סקוטעלסקי**




Cover of Bundist organ (No. 9), "Der Yiddisher Arbeiter," 1900. First published periodical of Bund, began to appear in 1896.

שער־בלאַט פון בונדישן אָרגאַן (נומער 9) דער אידישער אַרבייטער, יאָר 1900. די ערשטע גע־דרוקטע צייטונג פון בונד — אָנגעהויבן דער־שיינען 1896.



די
№ 27
ארבייטער שטימע
א באציאל־דעמאקראטישע ארבייטער צייטונג
1902

1897 די № 1
ארבייטער שטימע

די אַרבייטער שטימע — צענטראַל־אָרגאַן פון בונד אין יאָרן
1897 — 1905, געדרוקט אין די אונטערערדישע דרוקערייען.

"Die Arbeiter Shtimme," central organ of Bund during the years 1897-1905, printed in underground printing shops.




Newspapers and brochures of Bund, 1897-1904. Most of them were printed in underground printing shops, the rest abroad.

צייטונגען און בראָשורן פון בונד, 1897
— 1904. דער גרעסטער טייל געדרוקט
אין אונטערערדישע דרוקערייען, די
רעשט — אין אויסלאַנד.



Деръ Векеръ — № 3 — Der Wecker

דער וועקער

Векеръ, Вильна.

ווילנא

Вторникъ 27-го Декабря.

היינט:

פאלקס־צייטונג

Die Hoffnung. — № 14 — ווילנא

די האפנונג

ЦАЙТЪ — № 25 — ZAIT

צייט

After the 1905 Revolution the Bund issued 1906-07 daily newspapers, and later on weeklies, which suffered much from the strict censorship.

נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 האָט דער בונד
אַרויסגעגעבן 1906 — 7 טעגלעכע צייטונגען
און שפּעטער וועכנטלעכע, וואָס האָבן שטאַרק
געליטן פון דער שטרענגער צענזור.



Bundist brochures, most of them printed illegally, on thin paper, in Yiddish.

בונדישע בראָשורן (קליינע ביכלעך), מערסטנטייל געדרוקט אומלעגאַל, אויף דינעם פּאַפּיר (אין יידישער שפּראַך).




Bundist brochures in Russian. Penalty for distributing and reading illegal pamphlets, newspapers and proclamations was imprisonment and exile.

בונדישע בראָשורן אין רוסישער שפּראַך. פאַר פאַרשפּרייטן און לייענען אומלעגאַלע בראָשורן, צייטונגען און אויפרופן באַשטראָפט מיט טורמע און פאַרשיקונג.



Bundists in Siedletz, 1903.    בונדיסטן אין שעדלעץ 1903.



Bundists leaders in Bobroisk, 1904. Seated, from right: Ortshe, Tsirel Yabrow, Noah Kazanowitch, Broche Ginzburg, Nakhke Yokhwid, Beni Lozinski. Standing: Ida Horelik, Hirsh Yokhwid, Elie Greifer, Yozshe Ginzburg, Abraham Kirzshnitz, Nachama Sarah Kazanowitch.

בונדישע טוער אין באָברויסק, 1904. זיצן פון רעכטס: אָרטשע, צירל יאַבראָוו, נח קאַזאַנאָוויטש, ברכה גינזבורג, נאַכקע יאָכוויד („פּאָליצמייסטער"), בעני לאָזינסקי. שטייען: אידע האָרעליק, הירש יאָכוויד, עליע גרייפער, יאָזשע גינזבורג, אברהם קירזשניץ, נחמה שרה קאַזאַנאָוויטש.



Bundist leaders in Mozir. From right: Devora Raizel Lewitzki (later married to poet Zisha Landau), Yankel Rashevski—exiled to Siberia, Baruch—a watchmaker.

בונדישע טוער אין מאזיר. פון רעכטס: דבורה רייזל לעוויצקי (שפּעטער פרוי פון דיכטער זישע לאַנדוי), יאַנקל ראַשעווסקי — פאַר־שיקט אין סיביר, ברוך — אַ זייגערמאַכער.




In Minsk prison 1903. From right: Gnese Shapiro, Kolya Teper (orator, writer), last—Moshe Citrin (the 3rd is Sender Dvorkin, or Nochum Mendel Tsailengold. Together with Citrin, Dvorkin and Tsailengold—all Pinsk Bundists—were sentenced to 4 years at hard labor on charge of killing the provocateur Ornatzky. Citrin later on escaped from Siberia).

אין מינסקער טורמע 1903. פון רעכטס : גנעסע שאַפּיראָ, קאָליאַ טעפּער (אָראַטאָר, ליטעראַט), דער לעצטער — משה ציטרין (דער דריטער איז סענדער דוואָרקין אָדער נחום מענדל ציילענגאָלד. צוזאַמען מיט ציטרינען זיינען דוואָרקין און ציילענגאָלד — פּינסקער בונדיסטן — געוואָרן פאַרמשפּט צו 4 יאָר קאַטאָרגע אַלס באַשולדיקטע אין הרגענען דעם פּראָוואָקאַטאָר אָרנאַצקי. ציטרין איז שפּעטער אַנטלאָפן פון סיביר).



Members of Bundist B.O. (fighting division) in Kovno.

אַ גרופּע פון בונדישן ב. אָ. (קאַמף־אָפּטיילונג) אין קאָוונע.



The Bundist B.O. (fighting division) in Pinsk, 1905    דער בונדישער ב. אָ. אין פינסק, 1905.

Both fell in battle during pogrom of May 6-8, 1905 in Zhitomir.

ביידע געפאַלן אין קאַמף בעתן פאָגראָם פון 6 — 8 מאַי 1905 אין זשיטאָמיר.



**Nicholas Blinow** ניקאָלאַי בלינאָוו

סטודענט, אַ רוס, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער.

Student, Russian Gentile, Social-Revolutionary Party member.



**Leib Weinstein** לייב ווײַנשטיין

סטודענט, מיטגליד פון בונדישער זעלבסטשוץ אין זשיטאָמיר.

Student, member of Bundist Self-Defense group in Zhitomir.




The Martyrs of Tchudnow—Under this name history records the 14 members of the organization in Tchudnow who were journeying to Zhitomir to help the Self-Defense Group there. While on their way they were overtaken by peasants who killed 9 and seriously wounded 5 of them. Three of those slain, shown above, are, from right: Azriel Fleisher, Jacob Brodski, Pinchas Horwitz.

טשודנאָווער מאַרטירער — אונטער דעם נאָמען זיינען אַריין אין דער געשיכטע 14 בונדיסטן פון טשודנאָוו, וואָס זיינען געפאָרן העלפן דער זעלבסטשוץ אין זשיטאָמיר. אויפן וועג האָבן פויערים 9 דערהרגעט און 5 שווער־פאַרוואונדעט. דריי פון די דערהרגעטע — פון רעכטס: עזריאל פליישער, יעקב בראָדסקי, פנחס האָרוויץ.



Members of Bundist Self-Defense Group in Odessa, 1905. The 3 victims—Wisotzky, Sheltiwski and Yehiel—members of the B.O., fell during fight with pogromists.

אַ גרופּע פֿון בונדישער זעלבסטשוץ אין אָדעס 1905. די דריי הרוגים — וויסאָצקי, שעלטיוווסקי און יחיאל — מיטגלידער פֿון ב. אָ., געפֿאַלן בעתן קאַמף מיט די פּאָגראָמשטשיקעס.



**Hershel Kahan הערשל קאַהאַן**

אַ סטאָליער, 18 יאָר אַלט. פיל מאָל אַרעסטירט. דערשאָסן 20 אָקטאָבער 1905 בעת אַ דעמאָנסטראַציע אין מאָזי־רער טורמע.

A carpenter, 18 years old. Was arrested many times. Shot to death on October 20, 1905 during a demonstration in the Mozir prison.



**David Yehiel Krause דוד יחיאל קראַוזע**

וועבער־אַרבעטער, בונדיסט פון לאָדזש, 20 יאָר אַלט. פאַרמשפט צום טויט. אויפגעהאַנגען 6 אויגוסט 1905 אין וואַר־שעווער ציטאַדעל.

Weaver. Bundist from Lodz, 20 years old. Sentenced to death, was executed by hanging on August 6, 1905 in the Warsaw Citadel.



**Frume Grabelski פרומע גראַבעלסקי**

שניידערין, 24 יאָר אַלט.

Dressmaker, 24 years old.



**Solomon Margolin סאָלאָמאָן מאַרגאָלין**

(Semyon) (סעמיאָן)

Student, orator. סטודענט, אָראַטאָר.

Both leaders of Bund in Warsaw. Mortally wounded during firing by soldiers on a demonstration of 30,000 persons on April 2, 1905 at which Margolin was the speaker.

ביידע אין דער אָנפירונג פון בונד אין וואַרשע. טויטלעך־פאַרוואונדעט בעת מיליטער האָט געשאָסן אויף אַ 30־טויזנט קעפּיקער דעמאָנסטראַציע דעם 2 אַפּריל 1905. מאַרגאָלין איז געווען דער רעדנער.



**Gitel Zakheim גיטל זאַקהיים**

אַקטיוו אין ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציע. אַלט געווען 21 יאָר. געפאַלן טויט פון אַ קויל בעת דער שיסעריי 12 אויגוסט 1905.

Active in Bialystok organization. Was 21 years old. Fell dead from a bullet during shooting affray of August 12, 1905.



**Esther Riskind אסתר ריסקינד**

טעטיק אין כאַרקאָוו, ביאַליסטאָק, לאָדזש, וואַרשע, ווילנע. געזעסן אין וואַרשעווער ציטאַדעל, אַנטלאָפן פון פאַרשיקונג אין סיביר. אַלט געווען 25 יאָר. געפאַלן טויט ווען אַ מיליטערישער פּאַטרול האָט געשאָסן אויף אַרבעטער 12 אויגוסט 1905 אין ביאַליסטאָק.

Active in Kharkow, Bialystok, Lodz, Warsaw, Wilno. Was imprisoned in Warsaw Citadel, escaped from Siberian exile. Was 25 years old. Fell dead when a military patrol fired upon workers on August 12, 1905 in Bialystok.



**Israel Stern ישראל שטערן**

Both fell dead when soldiers fired upon a Bundist May Day demonstration in 1905 in Lodz. Stern, who had just returned from the Russo-Japanese war front, delivered a speech pleading with the soldiers not to shoot.



**Esther Weiswohl אסתר ווייסוואָל**

בײדע געפאַלן טויט, ווען מיליטער האָט געשאָסן אויף אַ בונדישער 1טע מאַי־דעמאָנסטראַציע 1905 אין לאָדזש. שטערן, וואָס איז נאָר־וואָס געווען צוריק פון רוסיש־יאַפּאַנישן מלחמה־פראָנט, האָט געהאַלטן אַ רעדע צו די זעלנער נישט צו שיסן.



Executive Committee of building trades union (under direction of Bund) in Witebsk, 1905.

פאַרוואַלטונג פון בוי־פאַראיין (אונטער אָנפירונג פון בונד) אין וויטעבסק 1905.



Bundists in Minsk hospital. They were wounded when demonstration of Oct. 17, 1905 was fired upon.

בונדיסטן אין מינסקער שפיטאָל — זיי זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן בעת
דער שיסעריי אויף דער דעמאָנסטראַציע דעם 17 אָקטאָבער 1905.



Leaders of needle trades unions, under direction of Bund, in Wilno, 1906. A secret conference in Ruzel Forest

צענטראַל־ביוראָ פֿון די נאָדל־פאַכן אונטער אָנפֿירונג פֿון בונד, אין ווילנע 1906. אַ באַראַטונג אין רוזעלער וואַלד.



Bundists "skhodke" (group of active Party workers) in Minsk, 1905. Seated (in dotted blouse), Alter, the Tinsmith (M. Shapiro, Philadelphia), at his left Lazar Epstein.

בונדישע סכאָדקע (גרופּע אַקטיווע פּאַרטיי־טוער) אין מינסק, 1905. זיצט (אין דער בלוזע מיט פּינטעלעך) אַלטער דער בלעכער (מ. שאַפּירא, פילאַדעלפיע), לינקס פון אים לאַזאַר עפּשטיין.



**Maxim מאַקסים**

(Simon Klewanski) (שמעון קלעוואַנסקי)

אָראַטאָר און פּאַרטיי־טוער. 1905 פירער פון דער רעוואָלוציע אין ריגע. רוסישע רעגירונג באַשטימט א גרויסע באַלוינונג פאַר ברענגען אים א לעבעדיקן אָדער טויטן.

Orator and party worker. In 1905 was leader of revolutionary uprising in Riga. Russian Government offered a big reward for capturing him dead or alive.



**אברהם (סערגיי) בראַון**

**Abraham (Sergei) Braun**

אָראַטאָר, פּאַרטיי־טוער, שרייבער. טעטיק אין פאַרשידענע שטעט, שפּעטער פירער פון בונד אין לעטלאַנד, וואו 1921 געווען פאַרמשפּט צום טויט און געראַטעוועט דורך אינטערווענץ פון אייראָפּעאישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

Orator, party worker, writer. Active in various cities. Was later on leader of Bund in Latvia where in 1921 he was sentenced to death and saved through intervention of European Socialist parties.



Bundist party workers after their liberation from prison in Warsaw (1906). From right: Ezra (Rosen), Abraham Kastelanski, Elijah Aaron Motolski (Yudl), Shammai Weisenblum (Krumkop).

טוער פון בונד נאָך זייער באַפרייאונג פון טורמע אין וואַרשע (1906). פון רעכטס: עזרא (ראָזען), אברהם קאַסטעלאַנסקי, אליהו אהרן מאָטאָלסקי (יודל), שמאי ווייסענבלום (קרומקאָפּ).



A group of Bundists in Borisow, 1904.     אַ גרופּע בונדיסטן פֿון באָריסאָוו, 1904.



Wreaths in honor of the fallen comrades, victims of the shootings October 1905 in Wilno.

קרענץ פאַר די געפאַלענע חברים, קרבנות פון די שיסערייען אָקטאָבער 1905 אין ווילנע.



**Jacob Peskin יעקב פּעסקין**

אַ פירנדיקער טוער אין ווילנע, דווינסק, וואַרשע, ביאַליסטאָק. פאַרשיקט אין מזרח־סיביר. אין פּאַריז אַקטיוו אויך אין פראַנצויזישער סאָצ. פּאַרטיי. 9 פעברואַר 1943 געשטאַפּאָ אים אַרעסטירט אין ליאָן. אומגעבראַכט אין אוישוויץ.

A leading party worker in Wilno, Dwinsk, Warsaw, Bialystok. Exiled to eastern Siberia. In Paris was also active in French Socialist Party. On February 9, 1943 German Gestapo arrested him in Lyons. Perished in Auschwitz.



**Abraham Leib Etkin אברהם לייב עטקין**

בונדישע טוער אין סמאָרגאָן, פּעטערבורג, קיעוו. 1917 סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד.

Active Bundist worker in Smorgon, St. Petersburg, Kiev. In 1917 was secretary of Central Committee of Bund.



**Mordecai Mazower מרדכי מאַזאָווער**

אַ פירנדיקער טוער אין ווילנע, לאָדזש און אַנדערע שטעט אין צאַרישע צייטן.

A leading Party worker in Wilno, Lodz and other cities during Tsarist days.



**Sinai Jacobi סינאַי יאַקאָבי**

דרוקער. בויער פון אונטערערדישער דרוקעריי אין וואַרשע. מיטגליד פון בונדישע קאָמיטעטן אין וואַרשע און לאָדזש.

Printer. Founder of underground printing shop in Warsaw. Member of Bundist committees in Warsaw and Lodz.



**Esther Lipshitz אסתר ליפשיץ**

מיטגליד פון לאָדזשער קאָמיטעט פון בונד. אַרעסטירט 14 מערץ 1903, געפּייניקט אין פּיעטרקאָווער טורמע. געשטאָרבן 28 יוני 1903.

Member of Lodz committee of Bund. Arrested March 14, 1903, tortured in Piotrkow prison. Died June 28, 1903.



**Anna Lipshitz אַנאַ ליפּשיץ**

אַקטיוו אין ווילנע, לאָדזש, אָדעס, קאָפּענהאַגען, ריגע. רעדנערין און שרייבערין. באַרימט אַלס רעדנערין פאַר די רעוואָלוציאָנערע מאַטראָזן בעתן אויפשטאַנד אויף פּאַנצער־שיף פּאָטיאָמקין אין אָדעס.

Active in Wilno, Lodz, Odessa, Copenhagen, Riga. Orator and writer. Famed for speeches delivered to revolutionary sailors during uprising on cruiser "Potiomkin" in Odessa.



**יוליאַ אַבראַמאָוויטש**

**Julia Abramowitch**

טעטיק אין וואַרשע, שעדלעץ, קאַליש, מאָסקווע, פּעטערבורג, קאַווקאַז. פאַרוואונדעט אין ביידע פיס פון אַ באָמבע־שפּליטער אין ביאַליסטאָק (1905). לאַנג געזעסן אין טורמעס פון שעדלעץ און קאַליש. געפירט געווער און אומלעגאַלע ליטעראַטור.

Active in Warsaw, Siedletz, Kalish, Moscow, St. Petersburg, Caucasia. Wounded in both legs from a bomb splinter in Bialystok (1905). Spent long period in prisons of Siedletz and Kalish. Transported arms and illegal literature.



**נאַדיאַ קעניגשאַץ־גרינפעלד**

**Nadia Kenigshatz-Grinfeld**

אַקטיוו אין קישיניעוו, אָדעס, קיעוו, פּעטערבורג, פּאַריז. פיל מאָל אַרעסטירט און פאַרשיקט. 1905 אין אָדעסער בונדישער זעלבסטשוץ. פאַרוואונדעט פון אַ צאַרישער קויל. רומענישע סיגוראַנצע אַנהויב 1918 זי דערטרונקען אין דניעסטער ביים אַרויסשיקן פון לאַנד.

Active in Kishinew, Odessa, Kiev, St. Petersburg, Paris. Was many times arrested and exiled. In 1905 belonged to Bundist Self-Defense Group in Odessa, was wounded by Tsarist bullet. Early in 1918 Rumanian security police drowned her in Dniester while expelling her from the country.



**רפאל ריין־אַבראַמאָוויטש**

**Raphael Rein-Abramowitch**

רעדנער, שרייבער, מיטגליד פון צענטראַל־
קאָמיטעט פון בונד.

Orator, writer, member of Central Committee of Bund.



**בראָניסלאַוו גראָסער**

**Bronislaw Groser**

רעדנער, שרייבער, מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט
פון בונד.

Orator, writer, member of Central Committee of Bund.



**Motel Chizshewski מאָטל טשיזשעווסקי**

אַ זאָקן־מאַכער. אין ווילנער קאָמיטעט פון בונד.
פאַרשיקט אין מזרח־סיביר, 8 יאָר קאַטאָרגע, נאָך
1917 סעקרעטאַר פון בונד אין וויטעבסק, פאָרזי־
צער פון ראַט פון די טרייד־יוניאָנס.

Hosiery worker. Member Wilno committee of Bund. Exiled to eastern Siberia, 8 years imprisonment at hard labor. After 1917 was secretary of Bund in Witebsk, chairman of Council of Trade Unions.



**Virgil ווירגילי**

(Baruch Mordecai Kahan) (ברוך מרדכי כהן)

טעטיק אין האָמעל, באָברויסק, סמאָרגאָן, קאָוונע,
וואַרשע, זשיטאָמיר, לאָדזש, ווילנע, פעטערבורג.
אַקטיוו אין רעוואָלוציעס 1905, 1917. פירער פון
זעלבסטשוץ בעת פאָגראָם אין זשיטאָמיר, באַטייליקט
אין באַריקאַדן־קאַמפן אין לאָדזש 1905, אויך געווען
אַקטיוו אויפן קולטור־געביט.

Active in Homel, Bobroisk, Smorgon, Kovno, Warsaw, Zhitomir, Lodz, Wilno, St. Petersburg. Took prominent part in revolutions of 1905 and 1917. Leader of Self-Defense Group during pogrom in Zhitomir. Participated in battles on barricades in Lodz, 1905. Was also active on cultural front.



Bundists in Rowno, 1906, holding in their hands Bundist daily newspaper "Folkszeitung." Above, 2nd from right—David Schayer, active worker in Workmen's Circle, Chicago.

בונדיסטן אין ראָוונע, 1906. האַלטן די בונדישע טעגלעכע צייטונג — פאָלקס־צייטונג. אויבן צווייטער פון רעכטס — דוד שייער, טוער פון אַרבעטער־רינג אין שיקאַגאָ.



**Chaim Romatski** **חיים ראַמאַצקי**

געפּאַטשט דעם פּאָליצמייסטער פון לאָמזשע, פאָן פראַנקענשטיין, צוליבן נישט אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַר דער רויטער פאָן בעת אַ דעמאָנסטראַציע. שפּעטער אַוועק אויף קאַטאָרגע.

Slapped Police Chief of Lomze, Von Frankenstein, for not doffing his hat for the Red Flag during a demonstration. Was later on sentenced to imprisonment at hard labor.



**Jehiel Kimelman** **יחיאל קימעלמאַן**

קאָמענדאַנט פון בונדישער זעלבסטשוץ אין פּיעטרקאָוו. 1906 פאַרמשפּט צום טויט דורך הענגען. טויט־שטראָף פאַר־ביטן אויף אייביקער קאַטאָרגע. גע־שטאָרבן 29 מאַי 1907 אין וולאַדימי־רער קאַטאָרזשנער טורמע.

Commander of Bundist Self-Defense Group in Piotrkow. In 1906 was sentenced to death by hanging. Death sentence commutted to life imprisonment at hard labor. Died May 29, 1907 in Vladimir prison.



**Jonah Rotshild** **יונה ראָטשילד**

מיטגליד פון בונדישן קאָמיטעט אין לאָמזשע. אין טורמע פאַרן אַוועקגיין קיין סיביר אָפּקומען 3 יאָר קאַטאָרגע.

Member of Bundist committee in Lomze. Imprisoned before leaving for Siberia to serve 3 year sentence at hard labor.



**מענדעלי שטרייקער**

**Mendele Striker**

בונדיסט פון הרוביעשאָוו, אַ געשמידטער אין קייטן גייט 1906 קיין סיביר.

Bundist from Hrubieshow. Bound in chains, he was sent in 1906 to Siberia.



וואָלינער־פּאָדאָליער ראַיאָן־קאָמיטעט פון בונד
Volhynia-Podolia Regional Committee of Bund, 1906.



רעדאַקציע פון בונדישן וואָכנבלאַט נאַשאַ טריבונאַ (רוסיש) אין אַ געהיימער דירה אין קאָוונע, 1907. פון רעכטס: וולאַדימיר מעדעם, איסיי אייזענשטאַט, דוד זאַסלאַווסקי.

Editorial staff of Bundist weekly, "Nasha Tribuna" (Russian-language) in a secret place in Kovno, 1907. From right: Vladimir Medem, Isaiah Eisenstadt, David Zaslawski.


№ 1

Наша Трибуна

еженедѣльникъ

Всеобщiй еврейскiй рабочiй союзъ въ Литвѣ, Польшѣ и Россiи (Бундъ).

Послѣднiя Извѣстiя

Изданiе заграничнаго комитета

Наше Слово

№ 1.

1906.

Неотложное дѣло.

Proletarjusze wszystkich krajów łączcie się!

GLOS BUNDU

Organ Komitetu Zagranicznego

Ogólno-Żydowskiego Związku Robotniczego na Litwie, w Polsce i w Rosji (Bund).

№ 1

SŁOWO WSTĘPNE

Еврейскiй Рабочiй

Еженедѣльная газета.

№ 1.

1905 г.

30 Декабря.

Bundist journals in Russian and Polish. "Poslyednia Izvestia," appearing from beginning of this century to end of 1905, contains the best information on revolutionary movement in Russia.

בונדישע זשורנאַלן אין רוסישער און פּוילישער
שפּראַך. פּאָסליעדניאַ איזוועסטיאַ, וואָס איז
דערשינען פון אָנהויב היינטיקן יאָרהונדערט
ביז סוף 1905, פאַרמאָגט די רייכסטע אינ־
פאָרמאַציע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַ־
וועגונג אין רוסלאַנד.


דער
סאציאל־דעמאקראט
DER SOZIAL-DEMOKRAT
דער מאי־יום־טוב




National dailies and periodicals of Bund in Russia. "The Social-Democrat" was the weekly organ of the Jewish Social-Democratic Party in Galicia (*Galician Bund*).

צענטראַלע צייטונגען און זשורנאַלן פון בונד אין רוסלאַנד. דער סאָציאַל־דע־מאָקראַט איז געווען דאָס וואָכנבלאַט פון דער ייד. סאָצ. דעמ. פאַרטיי אין גאַליציע (גאַליציאַנער בונד).



**Isaiah Gurewitch איסיי גורעוויטש**

אַ טוער פון בונד אין אַ ריי שטעט. אַ פירער פון זעלבסטשוץ בעתן פּאָגראָם 1903 אין האָמעל. פון 1907 פאַרשיקט אין סיביר. אַרום נײַ־יאָר 1916 אומגעקומען אין פלאַמען פון אַ הויז מיט פּאָליטיש־פאַרשיקטע, וואָס שוואַרץ־מאהניקעס האָבן אונטערגעצונדן.

Active Bund worker in a number of cities. Leader of Self-Defense group during 1903 pogrom in Homel. In 1907 was exiled to Siberia. Around New Years' Day, 1916, perished in flames in a house filled with political exiles, set on fire by the Black Hundreds.



**מיכאל ווינאַווער (רעכטס),**
**Michael Winawer (right)**
**Elijah Aaron Motolski אליהו אהרן מאָטאָלסקי**

טוער פון בונד אין וואַרשע און אַנדערע שטעט (בילד פון 1904). ווינאַווער, שפּעטער אַ טוער אין סאָוועטישן רויטן קרייץ, פאַרמשפּט דורכן סטאַלין־רעזשים אויף 25 יאָר טורמע.

Active Bund workers in Warsaw and other cities (picture taken in 1904). Winawer was later active in Soviet Red Cross. Under Stalin regime was sentenced to 25 years imprisonment.



**Ruth Berman רוטע בערמאַן**

טוערין פון בונד אין אַ ריי שטעט, אין ידישער אַרבעטער־פרויען־אָרגאַניזאַציע (יאַף) אין וואַרשע. אומגעבראַכט דורך די נאַציס 1942 אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע.

Active Bund worker in a number of cities, in Jewish Women's Labor Organization (YAF) in Warsaw. Murdered by Nazis, 1942, in the gas chambers of Treblinka.



**Leibetchke Berman לייבעטשקע בערמאַן**

אינסטרוקטאָר פון סטאָלערײַ. טוער אין דווינסק, לאָדזש, ווילנע, אָדעס, וואַרשע און אַנדערע שטעט. געהערט צו געווער־קאָמיסיע בײַם צענטראַל־קאָמיטעט, אין וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד

Instructor in carpentry. Active party worker in Dwinsk, Lodz, Wilno, Odessa, Warsaw and other cities. Was member of Arms Commission of Central Committee and member of Warsaw Committee.



**Abraham Kisin** — **אברהם קיסין**

Pioneer of Bund. Active in Mohilew, Homel, Wilno, America. Shot to death on October 16, 1905 in Wilno.

פיאָנער פון בונד. טעטיק אין מאָהילעוו, האָ־
מעל, ווילנע, אַמעריקע. דערשאָסן 16 אָק־
טאָבער 1905 אין ווילנע.



**Motel Britan** — **מאָטל בריטאַן**

Leather worker. In Bundist fighting squadrons. In Self Defense Group during pogrom of May, 1905 in Zhitomir. Arrested several times. Fell dead on the Fast of Ab, 1906 in Berditchew when he raided a convoy.

לעדער־אַרבעטער. אין בונדישע קאַמף־דרו־
זשינעס. אין זעלבסטשוץ בעתן פּאָגראָם מאַי
1905 אין זשיטאָמיר. עטלעכע מאָל אַרעס־
טירט. געפאַלן טויט תשעה־באב 1906 אין
בערדיטשעוו ביים אָפּשלאָגן אַן אַרעסטירטן.



**Abraham Himelstein** **אברהמל הימעלשטיין**

אַ לערנייִנגל ביי שניידעריי. אין קליינעם
בונד. געפאַלן טויט 11 יולי 1905, ווען
קאָזאַקן האָבן געשאָסן אויף אַ בונדישער
דעמאָנסטראַציע אין מינסק.

Tailor's apprentice. Member of Junior Bund. Fell dead July 11, 1905 when Cossacks fired on a Bundist demonstration, in Minsk.



**Peretz Berenstein** **פרץ בערנשטיין**

שילער. טעטיק אין ביאַליסטאָק, ווילנע,
גראָדנע. עטלעכע מאָל אַרעסטירט. גע־
שטאָרבן 17 יוני 1905 אונטער אַרעסט.

Student. Active in Bialystok, Wilno, Grodno. Arrested several times. Died June 17, 1905 while under arrest.



**David Herman** **דוד הערמאַן**

פאַרטיי־טוער אין וואַרשע. שפּעטער טעאַטער־רעזשיסער.

Active party worker in Warsaw. Later on a theatrical director.



**David Kasel** **דוד קאַסעל**

אַ בערשטער. טעטיק אין בונד פון מינסק. שפּעטער נאָוועליסט, איבערזעצער, מחבר פון כרעסטאָמאַטיעס.

A bristle-worker. Active in Bund of Minsk. Later on a novelist and translator, author of text-books.



**Mendel Elkin (in foreground)** **מענדל עלקין (פאָרנט), א. ווייטער,**

**A. Waiter (Isaac Meir Dewenishski)**

עלקין — פון 1898 פאַרטיי־טוער אין באָברויסק, 1919 פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע. שרייבער, טעאַטראַל, קולטור־טוער. ווייטער — פון די ערשטע בונדיסטן. טוער, רעדנער, שרייבער, דראַמאַטורג. עטלעכע מאָל אין טורמע, סיבירער פאַרשיקונג. פּוילישע זעלנער אים דערשאָסן אין ווילנע, 20 אַפּריל 1919.

Elkin—from 1898 onwards was active party worker in Bobroisk, in 1919 chairman of organization; writer, theatrical director, cultural worker. Waiter—one of the early Bundists; active party worker, orator, writer, playwright; was several times imprisoned and in Siberian exile; shot dead by Polish soldiers in Wilno April 20, 1919.



**Abram the Father אַבראַם דער טאַטע**

**(לייב בלעכמאַן־בלעק)**

(Leib Blekhman Blek)

פיאָנער. טוער פון בונד אין וויטעבסק, ביאַליסטאָק, וואַרשע, דווינסק און אַנדערע שטעט. פירער פון גאַרבער־בונד. פיל יאָרן אין צאַרישע טורמעס.

Pioneer. Bund party worker in Witebsk, Bialystok, Warsaw, Dwinsk and other cities. Leader of Tanners' Union. Spent many years in Tsarist prisons.



**Avremel Shtryker אברהמל שטריקער**

(Abraham Rosenbaum) **(אַברהם ראָזענבוים)**

טעקסטיל־אַרבעטער. אָרגאַניזאַטאָר און מאַסן־רעדנער. 3 מאָל אַרעסטירט. נאָך אַ רעדע אין שעדלעץ באַלד געשטאָרבן פון האַרץ־אַטאַק 18 אויגוסט 1918.

Textile worker. Organizer and public speaker. Was arrested 3 times. Immediately after a speech in Siedletz fell dead from a heart attack on Aug. 18, 1918



**נאָכקע פּאָליצמייסטער (יאָכוויד)**

**Nakhke "The Police Chief"**

באַרימטער פּאַרטיי־טוער אין באָברויסק.

Celebrated party worker in Bobroisk.



**Sarah Fuks שרה פוקס**

זאָקן־אַרבעטערין. פון 1904 אָרגאַניזאַטאָרין און רעדנערין פון בונד אין לוצק, אָסטראָה, דייטשלאַנד, שווייץ, ווילנע, וואַרשע, לאָדזש, כאַרקאָוו, קיעוו, בערדיטשעוו. פיל יאָרן אין צאַרישע טורמעס. אונטער ווירקונג פון באָלשעוויסטישן טעראָר 25 יולי 1919 אין קיעוו זיך דערטרונקען אין דניעפּער.

Hosiery worker. From 1904 onwards was organizer and orator for Bund in Lutzk, Ostroh, Germany, Switzerland, Wilno, Warsaw, Lodz, Kharkov, Kiev, Berditchew. Spent many ,years in Tsarist' prisons. Greatly affected by Bolshevik terror, while in Kiev on July 25, 1919 drowned herself in the Dnieper River.



1908 in Lodz prison after mass arrests of Bund party workers and Bundist trade-unionists. Woman in white blouse (2nd row, 6th from right) is Bundist leader Rose Lewit. Upper row (2nd from left, wearing beard) Chaim Zakon, participant in Romanowke Rebellion.

1908 אין לאָדזשער טורמע. נאָך גרויסע אַרעסטן צווישן טוער פון בונד און בונדישע טרייד־יוניאָנס. פרוי אין ווייסער בלוזע (2טע רייע, 6טע פון רעכטס) — פירערין פון בונדישער ארגאַניזאַציע ראָזע לעווית. אויבערשטע ריי (2טער לינקס מיט דער באָרד) — חיים זאַקאָן, באַטייליקטער אין ראָמאַנאָווקע־אויפשטאַנד.



Wilno Revolutionary Branch 164, Workmen's Circle, organized by the group of women Bundists, 1905, in New York.

ווילנער רעוואָלוציאָנערער ברענטש 164 אַרבעטער־רינג, אָרגאַניזירט דורך דער גרופע בונדיסטקעס 1905, ניו־יאָרק.



Bundist organization in London, 1907 or 1908. First from right (wearing hat and cigar in mouth) Hershel Himelfarb. Shown too are Mindel, Birnbaum, Editor Morris Myer, the actor Goldenburg.

בונדישע אָרגאַניזאַציע אין לאָנדאָן 1907 אָדער 1908. ערשטער פון רעכטס (מיטן האַרטן הוט און סיגאַר) הערשל הימעלפאַרב. אויפן בילד אויך מינדעל, בירנבאַום, רעדאַקטאָר מאָריס מייער, אַקטיאָר גאָלדענבורג.



**B. Vladeck ב. וולאַדעק**

(Baruch Charney) (ברוך טשאַרני)

ראַטאָר, שרייבער. בונדישער טוער אין מינ
ווילנע און אַנדערע שטעט. פאַרוואַלטער
פאַרווערטס, פאַרזיצער פון ייִדישן אַרבעטער־קאָ
טעט, ראַטמאַן פון ניו־יאָרקער שטאָט־ראַט.

rator, writer. Bundist party worker in Iinsk, Wilno and other cities. Manager f "Forward." chairman of Jewish Labor ommittee, member of N. Y. City Board of Aldermen.



**האַנאַ גאָלדשטיין־סאַלוצקי**

**Hanna Goldstein-Salutzky**

סעקרעטאַרין פון פאַרבאַנד פון בונדישע גרופּעס אין
אַמעריקע. שרייבערין, פאַרעפנטלעכט ווערק וועגן
קינדער־דערציאונג.

Secretary of Federation of Bundist Groups in America. Writer, published books on child education.



**Zivion צ ב י ו ן**

(Dr. Ben-Zion Hoffman) (דר. בן־ציון האָפמאַן)

בונדישער פאַרטיי־טוער. פובליציסט און פעליעטאָ־
ניסט — אין בונדישער פרעסע און פאָרווערטס,
רעדאַקטאָר פון גערעכטיקייט (א. ל. ג. וו. יו.).

Bundist party worker. Publicist and feuilletonist for Bundist press and "Forward," editor of "Gerechtjkeit," organ of the I.L.G.W.U.



**J. B. S. HARDMAN י. ב. ס. האַרדמאַן**

(Jacob B. Salutzky) (יעקב ב. סאַלוצקי)

אַקטיוו אין בונד אין ווילנע און קיעוו. סעקרעטאַר
פון יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אין
אַמעריקע. בילדונג־דירעקטאָר פון אַמאַלגאַמייטעד־
יוניאָן. מיטאַרבעטער פון אַמעריקאַנער אַרבעטער־
פּרעסע, רעדאַקטאָר פון לייבאָר ענד ניישאָן און
אַנדערע אויסגאַבעס.

Active in Bund in Wilno and Kiev. Secretary of Jewish Socialist Federation in America. Educational Director of Amalgamated Clothing Workers' Union. Contributor to American labor press, editor of "Labor and Nation" and other publications.



**Joseph Baskin יוסף באַסקין**

1906־7 אַפּיציעלער איינגנטימער פון בונדס דרוקערײַ פאַר בונדישער טעגלעכער פּרעסע אין ווילנע. פיל־יאָריקער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג.

1906-07 was feigned owner of printing shop of Bundist daily paper in Wilno. Was for many years General Secretary of Workmen's Circle.



**David Dubinsky דוד דובינסקי**

אַקטיוו אין בונד אין לאָדזש. פּרעזידענט פון אינ־טערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

Active in Bund in Lodz. President of International Ladies Garment Workers Union.



**Philip Geliebter פישל געליבטער**

טוער פון בונד אין זאַמאָשטש, לובלין, בריסק. עקזע־קוטיוו־סעקרעטאַר און בילדונג־דירעקטאָר פון אַר־בעטער־רינג אין אַמעריקע.

Bundist party worker in Zamosc, Lublin, Brest-Litowsk. Executive Secretary and Educational Director of Workmen's Circle in America.



**Nahum Chanin נחום כאַנין**

היטל־מאַכער. טוער פון בונד אין מינסק, באָריסאָוו, וואַרשע, לובלין און אַנדערע שטעט. 4 יאָר קאַ־טאָרגע, אַנטלאָפן פון סיביר. סעקרעטאַר פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד אין אַמעריקע, בילדונג־דירעקטאָר און גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג.

Capmaker. Party worker for Bund in Minsk, Borisow, Warsaw, Lublin and other cities. Sentenced to 4 years at hard labor, escaped from Siberia. Secretary of Jewish Socialist Farband in America, Educational Director and General Secretary of Workmen's Circle.



Leaders of the Amalgamated Clothing Workers Union of America in 1914-15. Seated, from right: Max Goldfarb, Joseph Schlosberg, Sydney Hillman (president), Bessie Abramowitch, Fiorello LaGuardia (later Mayor of New York City). Standing: Elijah Rabkin, Harry Cohen, A. D. Marimpetri, I. Kantorowitz, David Wolf, Jacob Pankin (later a judge), I. Elstein. Goldfarb, Hillman and Rabkin were Bundists.

ערשטער גענעראַל־עקזעקוטיוו־באַארד פון אַמאַלגאַמייטעד קלאָטהינג וואָרקערס יוניאָן פון אַמעריקע אין 1914־15. זיצן פון רעכטס: מאַקס גאָלדפאַרב, (ערשטער אָרגאַניזירער), יוסף שלאָסבערג, סידני הילמאַן (פּרעזידענט) בעסי אַבראַמאָוויטש, פיאָרעלאָ לאַגוואַרדיאַ (פירער פון איטאַליענישע מיטגלידער, שפּעטער מעיאָר פון ניו־יאָרק). שטייען: אליהו ראַבקין, הערי קאָהען, מאַרימפּעטרי, י. קאַנטאָראָוויטש, דוד וואולף, דזשייקאָב פּענקין (יוניאָן־לאָיער, שפּעטער ריכטער), י. עלשטיין. גאָלדפאַרב, הילמאַן און ראַבקין — געווען בונדיסטן.



**Boris Kletzkin באָריס קלעצקין**

בוך־פאַרלעגער. אין צאַרישע צייטן אַקטיוו
אין בונד און אויפן קולטור־געביט.

Publisher. During Tsarist days was active in Bund and in cultural affairs.



**H. Leivick ה. לייוויק**

(Leivick Halpern) (לייוויק האַלפּערן)

אין קייטן. פאַר געהערן צום בונד 1906
פאַרמשפּט אויף 4 יאָר קאַטאָרגע. 1913
אַנטלאָפן פון סיביר. דיכטער און דראַ־
מאַטורג.

In chains. For being member of Bund was sentenced in 1906 to 4 years imprisonment at hard labor. In 1913 escaped from Siberia. Poet and playwright.



אַ גרופּע בונדיסטן פון גאָלדינגען (קור־
לאַנד) 1913. די מיטלסטע, וואָס שטייען:
פּראָפ. אהרן דוביצקי און פּראָפ. מאַקס
ווינרייך.

A group of Bundists from Goldingen (Courland) 1913. In the middle, standing: Prof. Aaron Dubitzki and Prof Max Weinreich.



Bundist student group in Karlsruhe (Germany) 1901. Seated from right are: Zivion-Hoffman, Toibman, Freiman - Heller. Standing: Leonid Korobotchkin, Parizer.

סטודענטן־גרופּע פֿון בונד אין קאַרלסרוע (דייטשלאַנד) 1901. פֿון רעכטס זיצן: צביון־האָפֿמאַן, טויבמאַן, פֿריימאַן־העלער. שטייען: לעאָניד קאָראָבאָטשקין, פּאַריזער.



Bundist student group in Karlsruhe 1911. 1st from right (seated) Prof. Pesach Libman-Hersh.

סטודענטן־גרופּע פֿון בונד אין קאַרלסרוע 1911. ערשטער רעכטס (זיצט) פּראָפֿ. פּסח ליבמאַן־הערש.



**Asher Goldsmith** **אשר גאָלדשמיד**
(Solowefchik) (סאָלאָווייטשיק)
אַ גאָלדשמיד. פון די איבערגעגעבנסטע בונדישע טוער אין וואַרשע און ניו־יאָרק. 1926 איבערגעפאָרן צום טויט אין ניו־יאָרק.
A Goldsmith. One of the most devoted Bundist party workers in Warsaw and New York. In 1926 was run over and killed by automobile in N.Y.



**Jacob Shchupak** **יעקב שטשופּאַק**
ער פון בונד, פּרעזידענט פון סטודענטן־ראַט פון נטערבורגער אוניווערזיטעט. 1917 אין שטאָט־ראַט פון רוסישער הויפּט־שטאָט.
Bund party worker, president of Studei Council of St. Petersburg University. I 1917 was member of City Council ( Russian capital.



**Israel Okun** **אינזש. ישראל אָקון**
פון 1898 טוער פון בונד אין פאַרשידענע שטעט און לענדער. 1907 אין בונדישער דעלעגאַציע אויפן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין שטוטגאַרט.
Since 1898 was active Bund worker in various cities and countries. In 1907 was member of Bundist delegation at Congress of Socialist International in Stuttgart.



**Elijah Alebarde** **אליהו אַלעבאַרדע**
אָרטאָדאָקסישער און באַלעבאַטישער ייד. פון פּריס־טע יאָרן זיך פאַרנומען מיט רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אין בונד: אין מיליטער, אומלעגאַל אַריבער־פירן מענטשן און ליטעראַטור איבער דער גרענעץ. אומגעקומען 1944 בעתן פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע.
Orthodox, middle-class Jew. From his earliest years participated in revolutionary activities of Bund among the Tsarist soldiers and in the illegal transportation of people and literature over the border. Perished in 1944 during Polish uprising in Warsaw.



בונדיסטן פון מינסק. פון רעכטס: חיים בוש, זרח גוטמאַן, מאַניע דער שניידער (גאָלדבערג). בוש האָט 11 יולי 1905 ביינאַכט געוואָרפן אַ באָמבע אויפן הויז פון גובערנאַטאָר קריילאָוו — אַן ענטפער אויף דער שיסעריי פון קאָזאַקן דעם זעלבן טאָג. אין אַ בונדישער דעמאָנסטראַציע זיינען דעמאָלט געפאַלן קרבנות. פון דער באָמבע זיינען דערהרגעט געוואָרן עטלעכע פּאָליציאַנטן, אויך דער בירגערמייסטער איז געבליבן טויט.

Bundists from Minsk. From right: Chaim Bush, Zorach Gutman, Manye the Tailor (Goldberg). Bush on the evening of July 11, 1905, threw a bomb at the home of Governor Krilow, in reply to the shooting by Cossacks the same day. At the Bundist demonstration there were several victims. The bomb killed several policemen and the city mayor.



מיטגלידער פון בונד־קאָמיטעט אין וולאָצלאַוועק, 1909. פון רעכטס: ה. א. גאָטליב, מאיר דוד אַלטער (איצט טעטיק אין ניו־יאָרק), קלמן זשעלאָנקאָ (פון 1902 אַקטיוו אין בונד, אומגעבראַכט דורך די נאַציס בעת צווייטער וועלט־מלחמה).

Members of Bundist committee in Wloclawek, 1909. From right: Hersh Asher Gottlieb, Meyer David Alter (now active in New York), Kalman Zhelonka (since 1902 was active in Bund, killed by the Nazis during World War II).



Delegates to the Czernowitz Conference (1908), at which Yiddish was proclaimed a Jewish national language. Among participants in the Conference were I. L. Peretz, Dr. Nathan Birnbaum, Dr. Chaim Zhitlowsky, Sholem Asch, H. D. Nomberg, Abraham Reisen and other writers and cultural leaders. The Bund was represented by Esther Frumkin (seated 2nd from left).

דעלעגאַטן פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ (1908), וואָס האָט פּראָקלאַמירט יידיש אַלס אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך. אין איר האָבן זיך באַטייליקט י. ל. פּרץ, דר. נתן בירנ־בוים, דר. חיים זשיטלאָווסקי, שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, אברהם רייזען און אַנדערע שרייבער און קולטור־טוער. דער בונד איז געווען פאַרטרעטן דורך אסתר פרומקין (זיצט צווייטע פון לינקס).



From right: Noah, his wife Felicia and her daughter Irene (born in eastern Siberia where parents were exiled), Rachmiel Weinstein.

פון רעכטס: נח, זיין פרוי פעליציע און איר טאָכטער אירענע (געבוירן אין מזרח־סיביר, וואו עלטערן געווען פאַרשיקט), רחמיאל וויינשטיין.



Henryk Erlich and his wife Sofia, Bronislaw Groser and his wife Slawa in St. Petersburg, 1907 or 1908.

הענריק ערליך און זיין פרוי סאָפיע, בראָניס־לאַוו גראָסער און זיין פרוי סלאַווע — אין פעטערבורג 1907 אָדער 1908.



Exiles in Yarensk, northern Russia, 1908. Sitting, from right: Lazar Parizer, Victor Shulman, Noah Rapaport and wife (all Bundists), A. A. Grushanov (Soc. Rev.). Standing: Stein (Bundist), Prof. Guzukow (Russian Soc.-Dem.), Pawlow (Soc. Rev.), Mandelbaum (Polish Soc. Party), David Boim, S. Borenstein, Laizer Shlisher (last 3—Bundists).

פאַרשיקטע אין יאַרענסק, צפון־רוסלאַנד, 1908. זיצן פון רעכטס: לאַזאַר פּאַריזער, וויקטאָר שולמאַן, נח ראַפּאַפּאָרט און פרוי (אַלע בונדיסטן), א. א. גרושאַנאָוו (ס. ר.). שטייען: חבר שטיין (בונדיסט), פּראָפ. גוזוקאָוו אַ רוסישער ס. ד., פּאַוולאָוו (ס. ר.), מאַנדעלבוים (פּ. פּ. ס.), דוד בוים, ס. באָרענשטיין, לייזער שלישער (לעצטע דריי — בונדיסטן).



In the deep snows of Siberia. Funeral of Odessa Bundist Bankowski. Was sentenced to imprisonment at hard labor and died on his way to Siberia 1915. Political exiles lay a wreath on his grave.

אין די טיפע שנייען פון סיביר. לוויה פון אָדעסער בונדיסט באַנקאָווסקי, געשטאָרבן אויפן וועג פון קאַטאָרגע 1915. פּאָליטיש־פאַרשיקטע לייגן אַ קראַנץ אויף זיין קבר.



Central Committee of Bund in Russia at 10th Party Conference April 1917. From right, 1st row: I. Eisenstadt, H. Erlich, R. Weinstein, M. Liber, S. Tchemeriski. 2nd row: H. Lurie, Anna Rosenthal, D. Zaslawski, A. Zolotarew, Sh. Weisenblum, M. Rafes.

מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד אין רוסלאַנד, געװײלט אויף 10טער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אַפּריל 1917. פון רעכטס, ערשטע ריי: י. אייזענשטאַט, ה. ערליך, ר. װײנשטיין, מ. ליבער, ס. טשעמעריסקי. צווייטע ריי: ה. לוריע, אַנאַ ראָזענטאַל, ד. זאַסלאַווסקי, א. זאָלאָטאַרעװ, ש.װײסענבלום, מ. ראַפּעס.



8th Convention of Bund held in Petrograd December 1917. In 1st row, from right: A. Litwak, Moshe Rafes, Mark Liber, Rachmiel Weinstein, Raphael Rein - Abramowitch, Henryk Erlich, Isaac Tumin, Sasha Tchemeriski.

אַכטער צוזאַמענפאַר פון בונד, דעצעמבער 1917 אין פּעטראָגראַד. אין ערשטער ריי פון רעכטס: א. ליטוואַק, משה ראַפּעס, מאַרק ליבער, רחמיאל װײנשטיין, רפאל ריין־אַבראַמאָװיטש, הענריק ערליך, יצחק טיומין, סאַ־שאַ טשעמעריסקי.


פראלעטאריער פון אלע לענדער, פעראייניגט זיך!
פאלקס-צייטונג
פרייז 15 קאפ.
ארגאן פון „בונד" פאר דרום-רוסלאנד.
ערשטינס טעגליך
№ 39
קיעוו, דינסטאג, דעם 28 נאוועמבער 1917

Россійская Соціалъ-Демократическая Рабочая Партія
Всеобщій Еврейскій Рабочій Союзъ „БУНДЪ".
ГОЛОСЪ БУНДА.
ЕЖЕНЕДѢЛЬНЫЙ ЖУРНАЛЪ
ПЕТРОГРАДЪ
Изданіе Центральнаго Комитета „БУНДА".
Суббота, 30-го сентября. №№ 6-7. 1917 Петроградъ.

פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניגט זיך!
דער וועקער
ארגאן פון בונד.
פרייז 5 קאפ.
№ 122 Минскъ, 9 Ноября 1917 года.
ערשטינס טעגליך
מינסק, דאנערשטאג 9 נאיאבר 1917

АРБЕТЕРШТИМЕ.
פראלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניגט זיך!
די ארבייטער-שטימע
צענטראל-ארגאן פון בונד.
№ 49—50.
פרייז 20 קאפ.
Петроградъ, „Арбейтерштиме"
דער אויפשטאנד.

Newspapers of Bund after the 1917 Revolution in Russia.

צייטונגען פון בונד אין רוסלאנד נאך דער רעוואלוציע פון 1917.



Bundist party workers from Warsaw in German prison-camp in Lauban 1917. Sitting, from right: David Meyer, Gershon Zybert, Sonya Tchemelinski, Yekuthiel Portney (Noah), Meyer Wasser. Standing: Nathan Shafran, Emanuel Nowogrudski, Victor Shulman, Engineer Eliezer Heller, Joseph Lipshitz (Bosack).

בונדישע טוער פון ווארשע אין דייטשן געפאַנגען־לאַגער אין לאַובאַן 1917. פון רעכטס זיצן: דוד מייער, גרשון זיבערט, סאָניע טשעמעלינסקי, יקותיאל פאָרטניי (נח), מאיר וואַסער. שטייען: נאַטאַן שאַפראַן, עמנואל נאָוואָגרודסקי, וויקטאָר שולמאַן, אינזשיניער אליעזר העלער, יוסף ליפשיץ (באָסאַק).



Bundist party workers from Warsaw in German imprisonment in Modlin Fortress, 1918. Sitting, from right: Joseph Levin, Binyomke Walker (Rabinowitz), Zdzislaw Mushkat, Meyer Wasser, Engineer Alfred Ziege, Leon Holland. Standing: Albert Bernstock, Jacob Birnbaum, Hersh Gutgeshtalt, Nathan Frenkel, Reuben Zukerman.

בונדישע טוער פון ווארשע אין דייטשער געפענגע־ניש, אין מאָדלינער פעסטונג 1918. זיצן פון רעכטס: יוסף לעווין, בנימקע וואָלקער (ראַבינאָוויטש), זדזשיסלאַוו מושקאַט, מאיר וואַסער, אינזשיניער אַלפרעד ציגע, לעאָן האָלאַנד. שטייען: אַלבערט בערנשטאָק, יעקב בירנבוים, הערש גוטגעשטאַלט, נאַטאַן פרענקל, ראובן צוקערמאַן.

## During World War I. בעת ערשטער וועלט־מלחמה



Bundists in Tarnow (Western Galicia).

בונדיסטן אין טאַרנאָוו (מערב־גאַליציע).



Bundists in little town of Zuromin (Poland).

בונדיסטן אין קליינעם שטעטל זשוראָמין (פוילן).



Lodz Bundists employed at German forced labor.

לאָדזשער בונדיסטן אויף דייטשער צוואַנג־אַרבעט.



A group of Bundists party workers in Warsaw.

אַ גרופּע בונדישע פּאַרטיי־טוער אין וואַרשע.



Party members in the building and metal trades unions.

אַ פּאַרטיי־גרופּע פון יוניאָן־טוער אין די פּאַראיינען פון בוי און מעטאַל.



Victor Alter וויקטאָר אַלטער



Henryk Erlich הענריק ערליך

פירער, שרייבער און רעדנער פון בונד
אין אומאָפּהענגיקן פּוילן.

Leaders, writers and orators of Bund
in independent Poland.



Maurycy Orzech מאוריצי אָזשעך



Gershon Zybert גרשון זיבערט



Executive Committee of Warsaw Garment Workers' Union, 1917.

פאַרוואַלטונג פון וואַרשעווער פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון באַקלייד־אַרבעטער, 1917.



Ist national convention of Federation of Garment Workers' Unions in Poland, 1919. This Federation was led by Bundists.

ערשטער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די באַקלייד־אַרבעטער־פאַראייניגן אין פּוילן, 1919. מיטן פאַראיין האָבן אָנגעפירט בונדיסטן.



Active workers in Lodz Bund at end of 1st World War.

אַקטיווע טוער פון בונד אין לאָדזש ביים סוף פון ערשטער וועלט־מלחמה.



Active workers in Lublin Bund, 1920.

אַקטיווע טוער פון בונד אין לובלין, 1920.



Active workers in Bund of Wilno and Kovno, 1920.

ווילנער און קאָונער בונדישע טוער, 1920.



A group of active workers in Wilno *Bund*, at beginning of the Twenties. Seated, from right: I. Okun, A. Litwak, Anna Rosenthal, Yankel Zheleznikow (Both perished in Soviet prison during World War II). Standing: L. Weinstein, R. Epstein, Joseph Aronowitz (perished in Soviet prison), M. Nowik, G. Abelowitz.

אַ גרופּע טוער פון בונד אין ווילנע, אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן. זיצן פון רעכטס: אינזש. ישראל אָקון, א. ליטוואַק, אַנאַ ראָזענטאַל, יאַנקל זשעלעזניקאָוו (לעצטע צוויי אומגעקומען אין אַ סאָוועטישער תפיסה בעת צווייטער וועלט־מלחמה). שטייען: לייבל ווײַנשטיין, רבקה עפּשטיין, יוסף אַראָנאָוויטש (אומגעקומען אין סאָוועטישער תפיסה), מאָטל נאָוויק, גרישע אַבעלאָוויטש.



Secretariat of Central Council of Jewish Trade Unions in Warsaw. Seated, from right: L. Bramnik, Yanek Yankelewitch, . David Meyer, Abraham Shmoish, Joseph Lipshitz.

סעקרעטאַריאַט פון צענטראַל־ראַט פון די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די יידישע אַר־בעטער אין וואַרשע. זיצן פון רעכטס: ל. בראַמניק, יאַנעק יאַנקעלעוויטש, דוד מייער, אברהם שמויש, יוסף ליפשיץ.



A conference of Bundists, trade union leaders, held in Warsaw.

אַ באַראַטונג פון בונדיסטן, יוניאָן־טוער, אָפּגעהאַלטן אין וואַרשע.



1st convention of Polish Leather Workers' Union, 1919.

ערשטער צוזאַמענפאָר פון פראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון לעדער־אַרבעטער
אין פוילן, 1919. מיטן פאַראיין האָבן אָנגעפירט בונדיסטן.



Staff and employes of Bundist cooperatives in Warsaw.

מיטאַרבעטער פון די בונדישע קאָאָפּעראַטיוון אין וואַרשע.



Club named for *Bronislaw Groser* in Warsaw conducted an intensive cultural activity—choral group of this club.

דער קלוב אויפֿן נאָמען פֿון בראָניסלאַוו גראָסער אין וואַרשע האָט געפֿירט
אַ גרויסע קולטור־טעטיקייט — דער כאָר פֿון דעם קלוב.




Bundist meeting in a courtyard in Warsaw.

אַ בונדישער מיטינג אויף אַ הויף אין וואַרשע.



חיים לייב פּאָזנאַנסקי
**Chaim Leib Poznanski**



ישראל ליכטענשטיין
**Israel Lichtenstein**

פירער פון בונד אין לאָדזש.
Leaders of Bund in Lodz.



יוסף מאָרגענטאַלער
**Joseph Morgenthaler**



דר. אַלעקסאַנדער מאַרגאָליס
**Dr. Alexander Margolis**



The presidium of a Bund meeting in the great textile center of Lodz.

אויף אַ מיטינג פון בונד אין דער שטאָט פון טעקסטיל־פאַבריקן — לאָדזש. דאָס פּרעזידיום.



In the auditorium of the Lodz Philharmonic Orchestra (192?) - celebration of 10th anniversary of Yiddish Secular Schools.

אין זאַל פון לאָדזשער פילהאַרמאָניע (1926) — פייערונג פון 10־יאָריקן יובילײ פון די יידיש־וועלטלעכע שולן.



A gala meeting and celebration of Bundist youth organization "Zukunft" in Lodz.

אַ יום־טובדיקע פאַרזאַמלונג פון יוגנט־בונד צוקונפט אין לאָדזש.



**Shieh Grinwald שיע גרינוואַלד**

א שניידער. אַקטיוו אין יוגנט־בונד
צוקונפט. 4 דעצעמבער 1929 דער־
שאָסן געוואָרן נאָך אַ דעמאָנסטראַציע
פון בונדישער יוגנט אין וואַרשע.

A tailor. Active in Bundist youth organization "Zukunft". Dec. 4. 1929 was shot dead after a demonstration of Bundist youth in Warsaw.



**Albert Bernstock אַלבערט בערנשטאָק**

מעדיצין־סטודענט, פּיאָנער פון בונדי־
שער יוגנט־אָרגאַניזאַציע צוקונפט, אין
וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד. גע־
זעסן 45 חדשים אין צאַרישע און
דייטשע תפיסות. סטודענטן פון וואַר־
שעווער אוניווערזיטעט, זעלנער פון
פּוילישער אַרמיי אים דערשאָסן יאַנואַר
1919 ביי ביאַלאַ פּאָדליאַסקאַ.

Medical student, pioneer of Bundist youth organization "Zukunft", member Warsaw Committee of Bund. Was confined 45 months in Tsarist and German prisons. Students of Warsaw University, soldiers of Polish Army shot him dead January, 1919 near Biala Podliaska.



5 לאָמזשער בונדיסטן דערהרגעט דורך מיליטערישע
באַנדעס, וואָס זיינען דעם 5 סעפּטעמבער 1920
באַפאַלן דעם ישוב באַרגעלאָווע ביי גראַיעוואָ. אויבן
פון רעכטס די ברידער הערש לייזער, ישעיה יעקב
און וועלוול סעגאַלאָוויטש. אונטן: נחום כמילעווי־
סקי, חיים לייזער שאַפּירא.

5 Bundists from Lomze, killed by military bands which on Sept. 5, 1920 raided the settlement of Bargelowe, near Grajewo. Upper row, from right: the brothers Hersh Leizer, Isaiah Jacob and Welwel Segalowitch. Lower row: Nahum Chmilevski, Chaim Leizer Shapiro.




1911 זיינען די יידישע סעקציעס פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין גאַליציע אַריינגעטרעטן אין גאַליציאַנער בונד. דעלעגאַטן פון פאַראייניקונג־צוזאַמענפאַר.

In 1911 the Jewish Sections of the Polish Socialist Party in Galicia joined the Galician Bund. Delegates at unity convention.



דער צענטראַל־קאָמיטעט פון גאַליציאַנער בונד 1920, ערב דער פאַראייניקונג מיטן בונד אין פוילן.

Central Committee of Galician Bund 1920 on the eve of its amalgamation with the Bund in Poland.




Presidium of Warsaw meeting attended by many thousands October 18, 1927 in celebration of 30th anniversary of founding of Bund. Seated, from right, are members of Central Committee: I. Chmurner, M. Wasser, Sarah Schweber, Noah (chairman), H. Erlich, (behind him) V. Alter, Beynish Michalewitch.

פרעזידיום פון דער פיל־טויזנט קעפיקער פאַרזאַמלונג 18 אָקטאָבער 1927 לכבוד 30־יאָריקן יובילײ פון בונד. זיצן פון רעכטס מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט: י. כמורנער, מ. וואַסער, שרה שוועבער, נח (פאַרזיצער), ה. ערליך, (הינטער אים) וו. אַלטער, ביניש מיכאַלעוויטש.




Presidium of 4th Convention of Bund in Poland (1929). From right: M. Wasser, Noah (Portney), A. Kremer, I. Lichtenstein. Below, at right: S. M. Zigelbaum. At speakers' dais: H. Erlich. Last, at left: Rena Hister-Hertz, D. Neimark, B. Tabatchinski.

פרעזידיום פון 4טן צוזאַמענפאָר פון בונד אין פוילן (1929). פון רעכטס: מ. וואַסער, נח (פאָרטניי), א. קרעמער, י. ליכטענשטיין. אונטן רעכטס: ש. מ. זיגעלבוים. ביי רעדנער־טריבונע — ה. ערליך. די לעצטע לינקס — רענע היסטער־הערץ, ד. ניימאַרק, ב. טאַבאַטשינסקי.




Presidium of a meeting (1927) held to celebrate the 30th anniversary of Bund in Wilno. Bundist veterans Arkady Kremer and Virgil (Baruch Mordecai Kahan) at presidium table.

פרעזידיום פון אַ פאַרזאַמלונג (1927) צום 30־יאָריקן יובילײ פון בונד אין ווילנע. די בונדישע וועטעראַנען אַרקאַדי קרעמער און ווירגילי (ברוך מרדכי כהן) ביים פרעזידיום־טיש.



A group of Bundist party workers in Wilno, 1929.

אַ גרופּע בונדישע פּאַרטיי־טוער 1929 אין ווילנע.



Campaign Committee of Bund in Wloclawek, on the eve of the elections for City Councilmen, 1927.

וואַל־קאָמיטעט פון בונד אין װלאָצלאַװעק,
ערב די שטאָט־ראַט־װאַלן 1927.



Leaders of the party organization in Makow with Bundist leader Beynish Michalewitch.

די פירער פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין
מאַקאָװ צוזאַמען מיטן בונדישן פירער ביי־
ניש מיכאַלעװיטש.



In a large number of cities and towns the "Kultur-Lige" carried on a varied cultural activity. Active workers in "Kultur-Lige" in the town of Pruzhane (1929).

אין אַ גרויסער צאָל שטעט און שטעטלעך האָט די קולטור־ליגע געפירט אַ פאַרשידנאַר־טיקע קולטורעלע טעטיקייט. טוער פון קול־טור־ליגע אין שטעטל פרוזשאַנע (1929).



Choral group of "Kultur-Lige" in Warsaw (1932).

דער כאָר ביי דער קולטור־ליגע אין וואַרשע (1932).



Bundists in town of Gostynin (1928). בונדיסטן אין שטעטל גאָסטינין (1928).



Bundists in town of Pruszkow (1937). בונדיסטן אין שטעטל פּרושקאָוו (1937).



Bund delegation at Congress of Socialist International, Vienna, 1931. In front row, from right: J. Peskin (Paris), A. L. Zalmanowitch, Noah (J. Portney), Anna Rosenthal, H. Erlich, I. Lichtenstein. 2nd row: Dr. E. Scherer, Dr. Ch. Pizshitz, V. Alter, G. Zybert. Above: M. Orzech, E. Nowogrudski, J. S. Hertz.

דעלעגאַציע פון בונד אויפן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ווין 1931. אין ערשטער ריי פון רעכטס: י. פעסקין (פּאַריז), א. ל. זעלמאַנאָוויטש, נח (י. פּאָרטניי), אַנאַ ראָזענטאַל, ה. ערליך, י. ליכטענשטיין. צווייטע ריי: דר. ע. שערער, דר. ח. פּיזשיץ, וו. אַלטער, ג. זיבערט. אויבן: מ. אָזשעך, ע. נאָוואָגרודסקי, י. ש. הערץ.



A session of Executive of Socialist International (during Thirties). In front: Alexander Bracke, H. Erlich. Behind them: Leon Blum, Vincent Auriol.

אויף אַ זיצונג פון עקזעקוטיוו פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל (אין די דרייסיקער יאָרן). פון פאָרנט: אַלעקסאַנדער בראַק, ה. ערליך. הינטער זיי: לעאָן בלום, ווענסען אָריאָל.




A group of Bundist youth in Poland at 2nd Labor Olympiade, Vienna, 1931.

אַ גרופּע פון בונדישער יוגנט אין פוילן אויף 2טער אַרבעטער־אָלימפּיאַדע, ווין 1931.



Victor Alter and Anthony Zdanowski, as delegates of the labor movement in Poland, among the Republican fighters in Spain during the Civil War.

וויקטאָר אַלטער און אַנטאָני זדאַנאָווסקי, אַלס דעלעגאַטן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן, צווישן די רעפּובליקאַנישע קעמפער אין שפּאַניע בעתן בירגער־קריג.



Leaders and staff members of questionnaire and study of Jewish industrial establishments in Poland (results published in 8 vols.). Lower row, from right: S. Blankstein, Engineer Eliezer Heller, Dr. I. Lipowski, B. Nowogrudski. Upper row: A. Gelberg, J. Waks, A. Shapiro, I. Popower, A. Heinsdorf, D. Goldberg, Hersh Mlinek, Alex Rozenzweig, I. Ashkenazi. Almost all of them Bundists.

אָנפירער און מיטאַרבעטער פון דער אַנקעטע וועגן יידישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין פוילן (רעזולטאַטן פאַרעפנטלעכט אין 8 בענדער). פון רעכטס אונטערשטע ריי: ס. בלאַנקשטיין, אינזש. אליעזר העלער, דר. י. ליפאַווסקי, ב. נאָוואָגרודסקי. אויבערשטע ריי: א. געלבערג, י. וואַקס, א. שאַפּירא, י. פּאָפּאָווער, א. היינסדאָרף, ד. גאָלדבערג, הערש מלינעק, א. ראָזענצווייג, י. אַשכּנזי. כמעט אַלע בונדיסטן.



Active cultural workers and leaders of the Jewish Schools Organization in Poland. From right: Chaim Solomon Kazdan, A. Litwak, Solomon Mendelsohn.

קולטור־טוער און פירער פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין פוילן. פון רעכטס: חיים שלמה קאַזדאַן, א. ליטוואַק, שלמה מענדעלסאָן.



Bundist May Day demonstration in Lublin 1936. The speaker is party leader Bella Shapiro, arrested by Nazi Gestapo 1941 and killed.

בונדישע 1סע מאַי־דעמאָנסטראַציע אין לוב־
לין 1936. ס׳רעדט די פאַרטיי־פירערין בעלאַ
שאַפּירא. אַרעסטירט דורך נאַצישער גע־
שטאַפּאָ 1941 און אומגעברענגט.




Lublin Bundists during Thirties take initial steps to build a home for the Jewish Secular School and a cultural centre bearing name of I. L. Peretz.

לובלינער בונדיסטן טרעטן צו בויען, אין די
דרייסיקער יאָרן, אַ היים פאַר דער יידיש־
וועלטלעכער שול, אַ קולטור־הויז א. נ. פון
י. ל. פרץ.





Snapshots of a Bundist May Day demonstration in Warsaw. 1.) Members of Central Committee leading demonstration. 2.) Tailors, among them the union leaders H. Himmelfarb and M. Feigman. 3) Printers (the old man with the drum, A. Zalkind, participant in Romanovke uprising). 4) Group from Smotche district.

בילדלעך פון אַ בונדישער 1טער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע: 1) בראש גייען מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט. 2) שניידער, צווישן זיי די פאַראיין־פירער ה. הימעלפאַרב און מ. פייגמאַן. 3) דרוקער (דער אַלטער מיט דער פּויק א. זאַלקינד — אַ באַטייליקטער אין ראָמאַנאָווקע־אויפשטאַנד. 4) גרופּע פון סמאָטשער ראַיאָן.









Snapshots of May Day demonstration in Warsaw. 1) Bundist Youth. Front row, from right: Pincus Rosenberg, Ber I. Rosen, Rena Hister-Hertz, Herman Kruk, Yoshke Lifshitz. 2) Commercial employees. First is old party worker Zdzhislaw Mushkat. 3) Transport workers. 4) Orchestra of Printers' Union. First, left, Luzer Klog, union chairman.

בילדלעך פון 1טער מאַי־דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע. 1) בונדישע יוגנט. פון רעכטס אין ערשטער ריי: פּינקוס ראָזענבערג, בער י. ראָזען, רענע היסטער־הערץ, הערמאַן קרוק, יאָשקע ליפשיץ. 2) האַנדלס־אָנגעשטעלטע. דער ערשטער — אַלטער פּאַרטיי־טוער זדזשיסלאַוו מושקאַט. 3) טראַנספּאָרט־אַרבעטער. 4) אָרקעסטער פון דרוקער־פאַראיין. ערשטער לינקס — פאָרזיצער פון פאַראיין לוזער קלאָג.





May Day demonstration of Jewish workers under the banners of Bund.

[טע מאַי־דעמאָנסטראַציע פון
יידישע אַרבעטער אונטער די
פענער פון בונד.



In Wilno. אין ווילנע



In Nowy-Dwor. Speaker is Chaim (Yeruchem) Rudawski.

אין נאָווידוואָר
רעדנער חיים (ירוחם) רודאָווסקי.




In Siemiatycze. אין סעמיאַטיטש



May Day demonstration of Bund in Tarnow, 1938.

1טע מאַי־דעמאָנסטראַציע פון בונד אין טאַרנאָוו, 1938.



May Day demonstration of Bund in Przemysl, 1939.

1טע מאַי־דעמאָנסטראַציע פון בונד אין פשעמישל, 1939.



May Day demonstration of Polish and Jewish workers in Przemysl, 1938. In front row, left, Polish Socialist Party member Banasiewicz; during years of murderous Nazi rule he hid 14 Jews.

1טע מאַי־דעמאָנסטראַציע פון פּויִ־לישע און יידישע אַרבעטער אין פשעמישל, 1938. אין ערשטער ריי, לינקס, דער פּעפּעסאָוויעץ באַנאַ־סעוויטש. אין צייט פון נאַציִשער מאָרד־הערשאַפט באַהאַלטן 14 יידן.



Active workers of Bund in Siedletz, together with Vladimir Medem.

טוער פון בונד אין שעדלעץ צוזאַמען מיט וולאַדימיר מעדעם.



Bundists in Mezricz sell boutonnieres to raise money for the newspaper "Lebensfragen."

בונדיסטן פאַרקויפן אין מעזריטש בלימלעך לטובת דער צייטונג לעבענס־פראַגען.



Active party workers in Lomze. 1st from left, 2nd row, is veteran Bundist party worker Mordecai Possesorski, whom the N.K.V.D. arrested and killed. (The same happened to several other Bundist party workers in this city.)

פאַרטיי־טוער אין לאָמזשע. ערשטער פון לינקס 2טע ריי: דער אַלטער בונדישער טוער מרדכי פאָסעסאָרסקי, וועמען די נ. ק. וו. ד. האָט אַרעסטירט און אומגעברענגט (דאָס זעל־בע איז געשען צו נאָך עטלעכע בונדישע טוער פון דער שטאָט).



רעדאַקציע־מיטאַרבעטער פון דער בונדישער טעגלעכער צייטונג אין פּוילן — פאָלקס־צייטונג.

Editorial staff of Bundist daily newspaper in Poland, "Folkszeitung."

פון רעכטס: הענריק ערליך, וויקטאָר שולמאַן, ברוך שעפנער, לייוויק האָדעס.

From right: Henryk Erlich, Victor Shulman, Baruch Shefner, Leivick Hodes.



פון רעכטס: י. ש. הערץ, דר. עמנואל שערער, פּ. שוואַרץ, וויקטאָר אַלטער, מאַוריצי אָזשעך, דוד ניימאַרק.

From right: J. S. Hertz, Dr. Emanuel Scherer, Pinchas Schwartz, Victor Alter, Maurycy Orzech, David Neimark.



זיצן פון רעכטס: שמואל אַדלער, אברהם קאַסטעלאַנסקי. שטייען: יעקב קראָנזילבער, י. קופּערבערג, י. גורפינקל, מאָניעק עדעלשטיין. אַדמיניסטראַציע פון פאָלקס־צייטונג. אַדלער, אַ זעצער, פאַרוואַלטער פון דער צייטונג. 1940 אַרעסטירט בעת אַ פּאַרטיי־שליחות, אומגעקומען אין אַ סאָוועטישער תפיסה. קאַסטעלאַנסקי לאַנג־יאָריקער פאַרוואַלטער פון בונדישער פרעסע.

Seated, from right: Samuel Adler, Abraham Kastelanski. Standing: Jacob Kronzilber, J. Kuperberg, J. Garfinkel, Moniek Edelstein. Business staff of "Folkszeitung." Adler, a compositor, manager of the newspaper. Arrested 1940 while on a party mission, perished in a Soviet prison. Kastelanski was for many years business manager of Bundist press.




Bundist national press in Poland—daily newspapers and magazines.

בונדישע צענטראַלע פּרעסע אין פּוילן — טעגלעכע צייטונגען און זשורנאַלן.




Part of Bundist local press and trade-union newspapers that were conducted by Bundists.

אַ טייל פון דער בונדישער לאָקאַלער פּרעסע און צייטונגען פון די פּראָפעס־אָנעלע פאַר־איינען, וואָס זיינען געווען אונטער דער פי־רונג פון בונדיסטן.



Bundist delegates at 6th Congress of Trade Unions in Poland, October 1937.

בונדישע דעלעגאַטן אויפֿן 6טן קאָנגרעס פֿון
די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייניגן אין פּוילן,
אָקטאָבער 1937.



The main leadership (National Council) of labor unions of the Jewish workers in Poland.

די הויפּט־אָנפֿירונג (לאַנד־ראַט) פֿון די פּראָ־
פֿעסיאָנעלע פֿאַראייניגן פֿון די יידישע אַר־
בעטער אין פּוילן.



Presidium of a joint meeting of Jewish and Polish workers in Warsaw: leaders of Bund, of Polish Socialist Party and of trade unions.

פּרעזידיום פֿון אַ געמיינזאַמען מיטינג פֿון
יידישע און פּוילישע אַרבעטער אין וואַרשע:
פֿירער פֿון בונד, פּוילישער סאָציאַליסטישער
פּאַרטיי און פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען.

Executive Boards of trade-unions of Jewish workers in Warsaw.

פאַרוואַלטונגען פון פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען
פון יידישע אַרבעטער אין וואַרשע.



Printers' Union פאַראיין פון דרוקער.



Garment Workers' Union. פאַראיין פון באַקלייד־אַרבעטער.



Union of Commercial Employees. פאַראיין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע.



Union of Transport Workers. פאַראיין פון טראַנספּאָרט־אַרבעטער.

Executive Boards of trade-unions of Jewish workers in Warsaw.

פאַרוואַלטונגען פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראייַנען פון יידישע אַרבעטער אין וואַרשע.



Bakers' union. פאַראיין פון בעקער.



Leather workers' union. פאַראיין פון לעדער־אַרבעטער.



Meat-cutters' union פאַראיין פון פליישער.



Metal workers' union. פאַראיין פון מעטאַל־אַרבעטער.



מאיר וואַסער (חיים)
**Meyer Wasser (Chaim)**



י. כמורנער (יוסף לעשטשינסקי)
**J. Chmurner** (Joseph Leshchinski)



פסח דעמביצער (קראָקע — ניו־יאָרק)
**Pesach Dembitzer (Cracow-New York)**



דר. באָריס יאָפע (קראָקע)
**Dr. Boris Joffe (Cracow)**



דר. שיע פענסטערבלוי (קראָקע)
**Dr. Shieh Fensterbloi (Cracow)**



דר. קאַראָל איינאייגלער (לעמבערג)
**Dr. Karol Aineigler (Lwow)**



דוד באַטיסט (טאַרנאָוו)

**David Batist (Tarnow)**



דר. יעקב בראָס (קראָקע)

**Dr. Jacob Bros (Cracow)**



דר. הענריק שרייבער (קראָקע)

**Dr. Henryk Schreiber (Cracow)**



דר. זיגמונט גליקסמאַן (קראָקע־ביעליץ)

**Dr. Sigmund Gilksman (Cracow-Bielitz)**

Leaders of Bund in Galicia. Glicksman also Deputy in Silesian Sejm (Parliament) as a representative of German Socialists in Poland.

פירער פון בונד אין גאַליציע. גליקס־
מאַן אויך דעפּוטאַט אין שלעזישן סיים
(פּאַרלאַמענט), ווי אַ פאַרשטייער פון
דייטשע סאָציאַליסטן אין פּוילן.



**Motel Fishko** מאָטל פישקאָ.

אַ בלינדער בונדישער טוער אין פינסק.
פאָרשטייער פון די אַרבעטער אין דער
שוועבעלעך־פאַבריק.

Blind Bundist party worker in Pinsk. Delegate of workers in match factory.



**Abraham Samuel Zutz** אברהם שמואל זוץ

גאַרבער. פון די יינגסטע יאָרן טע־
טיק אין בונד. צוליב אַ קלאַפּ אין קאָפּ
מיט אַ ביקס אין טורמע געוואָרן בלינד.
ווייטער אַקטיוו אין באַוועגונג. בלינ־
דערהייט געפירט אַ ביבליאָטעק.

Tanner. Became blind when hit in the head with a rifle in prison. Remained active in Bund and while blind directed a library.



**Sarah Schweber** **שרה שוועבער**
בונדישע פאַרטיי־טוערין, סעקרעטאַרין
פון באַקלייד־אַרבעטער־פאַראיין אין
פוילן.
Active Bundist party worker. Sec. of Garment Workers' Union in Poland.



**יעקב ראובן בערלינער**
**Jacob Reuben Berliner**
בונדישער טוער אין פּיעטרקאָוו. אומ־
געקומען 1941 צוזאַמען מיט אַ גרופּע
פאַרטיי־טוער פון זיין שטאָט אין אויש־
וויץ.
Active Bundist worker in Piotrkow. Perished 1941 together with a group of party workers from his city in Auschwitz.



**שלמה גדליה הילער**
**Shelomo Gedalia Hiller**
פּאַרטיי־טוער אין וולאָצלאַוועק.
Active party worker in Wloclawek.



**Rose Eichner** **ראָזע אייכנער**
פאַרטיי־טוערין אין לאָדזש. אומגע־
בראַכט צוזאַמען מיט די קינדער פון
מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין ביי
וואַרשע, זומער 1942.
Active party worker in Lodz. Perished together with the children of Medem Sanatorium in Miedzeshin, near Warsaw, summer of 1942.



**Mordecai Feigman** **מרדכי פייגמאַן**
פירער פון באַקלייד־אַרבעטער. אומגע־
קומען זומער 1942 אין גאַז־קאַמערן פון
טרעבלינקע.
Leader of garment workers. Perished summer of 1942 in gas chambers of Treblinka.



**ד"ר. שלמה הערשענהאָרן**
**Dr. Shelomo Hershenhorn**
פאַרטיי־טוער אין לובלין.
Active party worker in Lublin.




פרעזידיום פון לאַנד־צוזאַמענפאָר פון בונדישע ראַטמענער אין די שטאָט־ראַטן און יידישע קהילות. פון רעכטס: בעלאַ שאַפּיראָ (לובלין), נח, הענריק ערליך, דר. יצחק ראַפּעס (ווילנע), ישראל ליכטענשטיין (לאָדזש).

Prêsidium of national conference of Bundist councillors in the city councils and Jewish communal organizations. From right: Bella Shapiro (Lublin), Noah, Henryk Erlich, Dr. Isaac Rafes (Wilno), Israel Lichtenstein (Lodz).



עפנונג פון לייען־זאַל א. נ. פון ביניש מיכאַלעוויטש אין פּלאָצק, 5 דעצעמבער 1930. פּרעזידיום פון פייערלעכער פאַרזאַמלונג.

Formal opening of reading-room named for Beynish Michalewitch in Plock, December 5, 1930. Presidium of gala assembly.



קאָמיטעט פון בונד אין מלאווע, 1928.

Executive committee of Bund in Mlawa, 1928.



5th National Convention of Bund in Poland, held 1930 in Lodz.

5טער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון בונד אין פוילן, פאַרגעקומען 1930 אין לאָדזש.



May Day demonstration of Polish and Jewish workers in Cracow. Speaker is Bund representative Dr. Henryk Schreiber.

1טע מאַי־דעמאָנסטראַציע פון פוילישע און יידישע אַרבעטער אין קראָקע. ס׳רעדט דער בונדישער פאָרשטייער דר. הענריק שרייבער.



May Day 1933 in Warsaw. H. Erlich speaking at the close of demonstration in front of Party club at Przejazd St.

דעם 1טן מאַי 1933 אין וואַרשע. ה. ערליך רעדט ביים פֿאַנאַנדערלאָזן די דעמאָנסטראַציע פֿאַרן פּאַרטיי־לאָקאַל אויף פשעיאַזד־גאַס.



Mass-meetings held outdoors.

מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען אונטערן פֿרייען הימל.



Bund leaders heading a street demonstration in Warsaw. 1st two—Henryk Erlich and Victor Alter, both of whom during World War II were murdered at Stalin's order in Soviet Russia.

פירער פון בונד בראש פון אַ גאַסן־דעמאָנס־
טראַציע אין וואַרשע. די ערשטע צוויי —
הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, וואָס
זיינען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה דער־
מאָרדעט געוואָרן לויט סטאַלינס באַפעל אין
סאָוועט־רוסלאַנד.



Bundist election placards being posted on the walls of buildings.

בונדישע וואַל־פּלאַקאַטן ווערן געקלעפּט אויף
די ווענט פון די הייזער.



יחיאל ישעיה טרונק
**Jehiel Isaiah Trunk**
נאָוועליסט און עסעאיסט.
Novelist and essayist.



אַלעקסאַנדער טאַיראָוו
**Alexander Tairow**
1905 מיטגליד אין בערדיטשעווער קאָ־
מיטעט פון בונד. שפּעטער גרינדער
און פיל־יאָריקער רעזשיסער פון מאָסק־
ווער קאַמער־טעאַטער.

1905 member Berditchew Committee of Bund. Later on founder and for many years director of Moscow Chamber Theatre.



יהושע פערלע
**Joshua Perle**
נאָוועליסט.
Novelist.



פּראָפעסאָר פסח ליבמאַן הערש
**Prof. Pesach Libman--Hersh**
מחבר פון וויסנשאַפטלעכע ווערק.
Author of scientific works.



גריגאָרי אַראָנסאָן
**Gregory Aronson**
אַקטיווער טוער אין בונד
Active worker in Bund and Russian Social Democratic Labor Party.



מרדכי געבירטיג
**Mordecai Gebirtig**
פּאָפּולערער פאָלקס־דיכטער.
Popular Yiddish folk-poet and song composer.



שמואל לעהמאַן
**Shmuel Lehman**
פאָלקלאָר־זאַמלער.
Collector and editor of folk-lore material.



לעאָ פינקעלשטיין
**Leo Finkelstein**
לעקטאָר, שרייבער.
Lecturer, writer.



בונם וואַרשאַווסקי
**Bunem Warshawski**
פראָפעסיאָנעלער טוער,
Labor leader, sec. of Printers' Union.



לעאָן מיכעלסאָן
**Leon Michelson**
קאָאָפּעראַטיווער טוער.
Active worker in cooperatives.



אינזש. יוליאַן ליבערמאַן
**Julian Liberman**
1905 אין אָנפירונג פון רויטער
מיליץ אין ריגע, שפּעטער סעקרעטאַר
פון בונד אין בערלין.
Engineer. 1905 was one of leaders of Red Militia in Riga, later on was sec. of Bund in Berlin.



מאַקסים שטערן
**Maxim Stern**
פּאַרטיי־טוער אין רוסלאַנד, שפּעטער
אין מערב־אייראָפּע, לסוף אין בראַזיל.
Active party worker in Russia, finally in Brazil.



קאָאָפּעראַטיווער װערקשטאַט פֿון װאַלקער־
אַרבעטער אין װאַרשע.

Cooperative workshop of tannery workers in Warsaw.



אין אַ װאַרשעװער שנײַדער־װערקשטאַט.

In a Warsaw tailoring workshop.

During latter half of Nineteen Thirties Bund in Poland organized several half-day protest strikes by the Jewish population as answer to anti-Semitic policies and attacks by hooligans. Snapshots of such a strike in Wilno. All Jewish shops and stores are closed. Below, a policeman leading a young Bundist, arrested in connection with strike.

אין צווייטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן האָט דער בונד אין פוילן אָרגאַניזירט עטלעכע האַלב־טאָגיקע פּראָטעסט־שטרייקן פון דער יידישער באַפעלקערונג אַלס ענטפער אויף דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק און כוליגאַנישע אָנפאַלן. בילדלעך פון אַזאַ שטרייק־טאָג אין ווילנע — אַלע יידישע ווערקשטאַטן און געשעפטן געשלאָסן. אונטן פירט אַ פּאָליציאַנט אַ יינגן בונדיסט, אַרעסטירט אין שייכות מיטן שטרייק.










Bundist newspapers in Polish and youth publications in Yiddish and Polish.

בונדישע צייטונגען אין דער פוילי־
שער שפראַך און יוגנט־צייטונגען
אין יידיש און פויליש.




Bundist youth publications 1919-22. Names had to be changed because Government often suppressed publications.

די בונדישע יוגנט־פרעסע 1919־
1922. מ׳האָט געמוזט ענדערן די
נעמען, ווייל די מאַכט האָט אָפט
אָפּגעשטעלט די צייטונגען.



Editorial Staff and Management of the Bundist youth newspaper—*Yugent Weker.*

רעדאַקציִע און אַדמיניסטראַציע פון בונדישער
צייטונג פֿאַר יוגנטלעכע — יוגנט־וועקער



Members of Jugent Bund Zukunft sell the *Yugent Weker* on the streets of Warsaw.

צוקונפטיסטן גייען אַרויס אויף אַ גאַסן־פֿאַר־
קויף פון יוגנט־וועקער אין וואַרשע.



A. circle of the *Yugent Bund Zukunft* in Warsaw.

אַ קרייז פון יוגנט־בונד צוקונפט
אין וואַרשע.



A meeting of Bundist youth. Speaker is Moshe Goldberg. He and his wife shot dead by Gestapo April 18, 1942 in Warsaw.

אַ פאַרזאַמלונג פון בונדישער יוגנט. דער רעדנער — משה גאָלדבערג. געשטאַפּאָ האָט אים און זיין פרוי דערשאָסן 18 אַפּריל 1942 אין וואַרשע.



The militia of *Yugent Bund Zukunft* in Wolkowysk.

די מיליץ פון יוגנט־בונד צוקונפט, אין וואָלקאָוויסק.



A group of the Bundist youth militia in Warsaw.

אַ גרופּע פון דער בונדישער יוגנט־מיליץ אין וואַרשע.



אָרגאַניזאַציעס פון יוגנט־בונד צוקונפט אין
קאָלאָ (אויבן), זשעלעכאָוו (אונטן).

Branches of Yugent Bund Zukunft in
Kolo (above), Zelechow (below)










On June 10 and 11, 1932 there took place in Warsaw a national gathering of Bundist youth. Photos of this gathering.

דעם 10 און 11 יוני 1932 איז פאַרגעקומען אין וואַרשע אַ לאַנד־צוזאַמענפלי פון בונדישער יוגנט. בילדלעך פון דעם צוזאַמענפלי.









Snapshots of Bundist youth gathering. In the name of Polish Socialists and trade unions Zygmunt Zulawski (above) brings greetings.

בילדלעך פון בונדישן יוגנט־צוזאַמענפלי. אין נאָמען פון די פוילישע סאָציאַליסטן און פראָפעסיאָנעלע פאַראײנען באַגריסט זיגמונט זשולאַווסקי (אויבן).



Bundist youth marching under Red Flags (Warsaw).

די בונדישע יוגנט מאַרשירט אונטער די רויטע פענער (וואַרשע).



Yugent Bund Zukunft was the Bundist youth organization in Poland. Had branches in more than 300 cities and towns. Delegates at 1st national convention, 1919.

יוגנט־בונד צוקונפט איז געווען די בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן. געהאַט אָרגאַ־ניזאַציעס אין איבער 300 שטעט און שטעט־לעך. די דעלעגאַטן אויפן ערשטן לאַנד־צוזאַמענפאָר 1919.



Jewish and Polish Socialist youth from time to time would conduct joint activities and meetings. Presidium of such a joint meeting in Warsaw, held in Atheneum, theatre auditorium in headquarters of railroad workers.

די יידישע און פּוילישע סאָציאַליסטישע יוגנט האָבן פון צייט צו צייט דורכגעפירט גע־מיינזאַמע אַקציעס און פאַרזאַמלונגען. פּרעזי־דיום פון אַזאַ געמיינזאַמער פאַרזאַמלונג אין וואַרשע, אין אַטענעאום, טעאַטער־זאַל אין הויז פון באַן־אַרבעטער.







In the years between the World Wars Bund developed a widespread sport movement. Organization bearing the name of "Morgenstern" conducted various sport activities. Here shown are several Warsaw groups.

אין די יאָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות האָט דער בונד אויפגעבויט אַ גרויסע ספּאָרט־באַוועגונג. די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען מאָרגנשטערן, האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרשידענע מינים ספּאָרט. דאָ זיינען עטלעכע וואַרשעווער גרופּעס.




*Skif*, the childrens' organization of Bund. Presidium of 1st national convention.

סקיף — די קינדער־אָרגאַניזאַציע פון בונד. פרעזידיום פון 1טן לאַנד־צוזאַמענפאָר.



Members of *Skif*, engaged in athletic exhibits.

סקיפיסטן פירן אויס ספּאָרט־פאָרשטעלונגען.

סקיפּיסטן אויף זייערע זומער־לאַגערן.

Members of *Skif* in their summer camps.







In the cities and towns of Poland Bund founded Yiddish secular schools. Shown here are children of 7-yr. elementary school named for I. L. Peretz in Lublin.

אין די שטעט און שטעטלעך פון פוילן האָט דער בונד געבויט יידיש־וועלטלעכע שולן. אויפן בילד קינדער פון 7־קלאַסיקער פאָלקס־שול א. נ. פון י. ל. פרץ אין לובלין.



Mandolin orchestra of the school named for Moishl Gloiberman in Pinsk. Active Bundist worker Gloiberman, together with 34 other Jews, shot dead by Polish soldiers April 5, 1919.

מאַנדאָלין־אָרקעסטער פון דער שול א. נ. פון משהל גלויבערמאַן אין פינסק. בונדישער טוער גלויבערמאַן צוזאַמען מיט 34 אַנדערע יידן דערשאָסן דורך פוילישן מיליטער 5 אַפּריל 1919.



A group of children of a Warsaw Yiddish secular elementary school, together with their teachers I. Glatstein, G. Saltzman, Ch. S. Kasdan, etc.

אַ גרופּע קינדער פון אַ וואַרשעווער יידיש־
וועלטלעכער פאָלקס־שול, אויך די לערער י.
גלאַטשטיין, ג. זאַלצמאַן, ח. ש. קאַזדאַן א. אַ..



Children of Michalewitch School in Bialystok.

קינדער פון מיכאַלעוויטש־שול אין
ביאַליסטאָק.



Teachers and active workers of the Yiddish secular elementary school in Krynki.

לערער און טוער פון דער יידיש־וועלטלעכער
פאָלקס־שול אין קרינקי.







Snapshots of Children's Sanatorium named for V. Medem in Miedzeshin. 1) Visit of a group of students taking a course in youth leadership. 2) Children resting on verandah and teacher Motel Gilinski (Batke) tells them a story. 3) A gala children's performance for guests; the teacher Yankel Trupyanski playing on a concertina.

בילדלעך פון קינדער־סאַנאַטאָריע א. נ. פון ו. מעדעם אין מיעדזעשין: 1) באַזוך פון אַ גרופּע שילער פון אַ קורס פאַר יוגנט־טוער. 2) קינדער רוען אויף דער וועראַנדע און לערער מאָטל גילינסקי (באַטקע) דערציילט אַ מעשהלע. 3) אַ יום־טובדיקע קינדער־פאָרשטעלונג פאַר געסט און דער לערער יאַנקל טרופּיאַנסקי שפּילט אויף אַ קאָנצער־טינע.



Leaders of Bund in Rumania (1929). Seated, from right: Leah Kisman, Laura Friedman, Dr. Jacob Pistiner, Henryk Erlich (Poland), Solomon Mendelson (Poland), Sarah Kasvan, H. Gilishensky. Middle row: Zinreich, Wolf Perlmutter, Marcus Kasvan, Simcha Rosenkrantz, Nathan Troper, Dr. Berl Friedman , Dr. Joseph Kisman, Engelberg. Upper row: Leon Eilgisser, Litman Shafer, Beaty Friedman, Hilda Friedman, Sabina Eilgisser, Isaac Wiesel, Shumer, Yudel Goldberg.

פירער פון בונד אין רומעניע (1929). פון רעכטס זיצן: לאה קיסמאַן, לאָורא פרידמאַן, דר. יעקב פיסטינער, הענריק ערליך, שלמה מענדעלסאָן (ביידע פון פוילן), שרה קאַסוואַן, ה. גילישענסקי. מיטלסטע ריי: זינרייך, וואָלף פערלמוטער, מאַרקוס קאַסוואַן, שמחה ראָזענקראַנץ, נתן טראָפּער, דר. בערל פרידמאַן, דר. יוסף קיסמאַן, ענגעלבערג. אויבערשטע ריי: לעאָן איילגיסער, ליטמאַן שאַפער, בעאַטי פרידמאַן, הילדע פרידמאַן, סאַבינאַ איילגיסער, אייזיק וויזעל, שומער, יודל גאָלדבערג.



Conference of Bund in Latvia, January 1934. Speaker is party chairman Yitzchak Rabinowitz (arrested by N.K.V.D. 1940, died on way to exile).

קאָנפערענץ פון בונד אין לעטלאַנד, יאַנואַר 1934. ס'רעדט דער פאַרטיי־פאָרזיצער יצחק ראַבינאָוויטש (נ.ק.וו.ד. אים אַרעסטירט 1940, אומגעקומען אויפן פאַרשיקונג־וועג).



Part of a Bundist demonstration in Riga.

טייל פון אַ בונדישער דעמאָנסטראַציע אין ריגע.



Bundist members of Dwinsk City Council (1924-27). Seated, from right: Sh. Srogowitch, Noah Meisel (also Deputy in Latvian Parliament; 1941 arrested by N.K.V.D., died about 1956 in a Soviet forced-labor camp in the arctic circle, Siberia), J. Pliner, M. Kremer. Standing: P. Meiksin (member Board of Estimate), I. Levin-Shatzkes.

בונדישע פראַקציע פון דווינסקער שטאָט־ראָט (1924 — 27). זיצן פון רעכטס: ש. סראָ־גאָוויטש, נח מייזעל (אויך דעפּוטאַט פון לעטלענדישן פּאַרלאַמענט; 1941 נ.ק.וו.ד. אים אַרעסטירט, געשטאָרבן אַרום 1956 אין אַ סאָוועטישן קאַטאָרגע־לאַגער אין פּאָלאַרן־קרייז פון סיביר), י. פּלינער, מ. קרעמער. שטייען: פּ. מייקסין (מיטגליד פון מאַגיסטראַט), י. לעווין־שאַצקעס.



Bundists in Vienna. Seated, from right: Dr. Leon Feiner, Yitzchak Blind (veteran of Jewish Socialist movement in Galicia), Dr. Lippe Rosenman. Standing: Dr. Chaim Pizhitz (perished in a Soviet prison during World War II), Abraham Yitzchak Chaikin.

בונדיסטן אין ווין. זיצן פון רעכטס: דר. לעאָן פּיינער, יצחק בלינד (וועטעראַן פון ייד. סאָצ. באַוועגונג אין גאַליציע), דר. ליפּע ראָזענמאַן. שטייען: דר. חיים פּיזשיץ (אומגעקומען אין אַ סאָוועטישער תפיסה בעת צווייטער וועלט־מלחמה), אברהם יצחק כייקין.



טוער פון דער בונדישער באַוועגונג אין
בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע, 1928.

Active workers in Bundist movement
in Buenos Aires, Argentina, 1928.



טוער פון דער בונדישער באַוועגונג אין
מאָנטעווידעאָ, אורוגוויי, 1931.

Active workers in Bundist movement
in Montevideo, Uruguay, 1931.



Members of Bundist Club in New York prior to World War II.

מיטגלידער פון בונדישן קלוב אין ניו־יאָרק פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.



A group of Bundist youth organization *Zukunft* in Warsaw. The lecturer Beniek Livshitz (2nd row, in center) fell on battlefield in Spanish Civil War.

אַ קרייז פון יוגנט־בונד צוקונפט אין וואַרשע. דער רעפערענט בעניעק ליווּשיץ (מיטלסטער פון 2טער ריי) געפאַלן אויפן פראָנט פון שפּאַנישן בירגער־קריג.



Evening School for labor youth of Bundist cultural organization *Morgenroit* in Czernowitz, Rumania, 1938.

אָוונט־שול פאַר אַרבעטער־יינגלעך פון דער בונדישער קולטור־אָרגאַניזאַציע מאָרגנרויט אין טשערנאָוויץ, רומעניע, 1938.




Bundist newspapers in Rumania, Latvia, France, Argentina, Uruguay prior to World War II.

בונדישע צייטונגען אין רומעניע, לעטלאַנד, פראַנקרייך, אַרגענטינע, אורוגוויי פאַר צווייטער וועלט־מלחמה.



Nazi Germany invaded Poland and occupied Warsaw. The Hitlerian occupying power took 12 representatives of the population as hostages. 3rd from right, upper row, Bund representative Samuel Mordecai (Arthur) Zigelbaum. To left of him, Mayor Stefan Starzynski (shot dead soon afterwards). On extreme left, 2nd Jewish representative Abraham Gepner.

נאַצי־דייטשלאַנד איז באַפאַלן פוילן און וואַרשע איז איינגענומען געוואָרן. די היטלערישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט גענומען 12 פאָרשטייער פון דער באַפעלקערונג אַלס זאַקלאַדניקעס. דריטער פון רעכטס אויבן דער פאָרשטייער פון בונד שמואל מרדכי (אַרטור) זיגעלבוים. נאָך אים לינקס דער שטאָט־פרעזידענט סטעפאַן סטאַרזשינסקי (אינגיכן דערשאָסן געוואָרן). דער לעצטער לינקס — דער צווייטער יידישער פאָרשטייער אברהם געפּנער.



The Nazis confined Jews to Ghettoes. Bund immediately organized underground movement everywhere. A group of party workers in Lodz Ghetto.

די נאַציס האָבן די יידן איינגעשלאָסן אין געטאָס. דער בונד האָט באַלד אומעטום געשאָפן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס. אַ גרופּע פּאַרטיי־טוער אין לאָדזשער געטאָ.







